STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02962

# VEYFREYD

## Yoine Berkman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# יונה בערקמאַן

*

# ווייפרייד

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף
פון אליעזר פינס־פאַנד

יונה בערקמאן

# ווייפרייד

פארלאג
י. ל. פרץ
ישראל

תשל"ז — 1977

YOINE BERKMAN
VEIFREID

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby str., Tel-Aviv

יונה בערקמאַן / ווײַפרייד
פאַרלאַג י. ל. פרץ, רח׳ אלנבי 31, תל־אביב

©

נדפס בישראל תשל״ז
Printed in Israel 1977

נדפס בקואופרטיב עובדי הדפוס הכללי בע״מ, תל־אביב

איך דאַנק מיינע פריינד יעקב און דוד פּאָק
פאַר זייער ביישטײַער צו דער דערשיינונג פון בוך.

# תפילות

כאָטש געבויגן מיין רוקן, פאַרבראָכן,
אויף אים טראָג איך אַלץ נאָך מיין גאָט —
כ'האָב מורא צו בלייבן אַ יתום,
באַנקראָט.

# יידיש וואָרט

איך טראָג די צוויי און צוואַנציק אותיות פונעם אלף-בית
אין חלום, אויף דער וואָר,
און פּאָר אַ, אין מאַרק געהערטן, יידיש וואָרט
אַ ציטער טוט אין האַרץ אַ סטרונע;
זוך איך דעריבער אויפן ראַנד פון קיצבה
אַ הייפל כשרע בעל-תפילות,
וואָס זיינען ניט מתפלל פאַרן שכר פון מיצוות...

אַ פראָסט נעמט דורך מיך ביי אַן עמוד אָן אַ ליכטל,
לעם דאַוונערס אָן אַ טלית,
וואָס זייער טאָג ניט ווערן וועט פאַרשטערט,
ווען, צו נעילה פונעם קדושים-לשון,
ניט זיין ווער לאָזן זאָל אַ טרער.

נאָר ווי!!
ניטאָ ווער ס'זאָל מיין איכה וועלן הערן,
וואָס שפּאַרט אין פייער-טרערן איינגעקנוילט:
איך קען ניט אויפכאַפּן קיין אָפּהילך פון אַ יידיש וואָרט
געפאַלן פון אַ קינדיש מויל...

צו וועמען, גאָט, זשע זאָל איך ברענגען מיינע יעלות-קראַטן?
רביים פעלן ניט,
נאָר ווו געפינען זאָל מיין פּיין אַ צדיק,
וואָס צולייגן זיין תחנון זאָל צום ציטער פון מיין תחינה,
צוזאַמען אָפּשרייען די חורבן-גזירה,
און איינפלאַנצן אמונה מיר אין הזורעים בדימעה...

## אָפּט

...און אָפּט, גאָר אָפּט
אין דײַנע שמאָלע געסעלעך, ירושלים,
מיר גייען נאָך די שוואַרצאַפּלען פון די נביאים,
וואָס זייער חלום פלאַמיקער און פּײַן,
זייער צוואה,
איז אײַנגעוואַקסן אין געשטיין דײַנעם,
אין צרור־החיים,
לעולם ועד.

פון זייער קול, וואָס האָט געדונערט אויפן הר־הבית,
דערגייט צו מיר איעדער אות, וואָס אָנגעציטערט
איז מיטן שם־הוויה,
און תפילה כ׳טו —
אין דײַנע אייניקלעך,
וואָס זייער בלוט פאַרדימענט האָט דײַן נײַ קאַפּיטל,
זאָל ניט אַרײַן קיין פּגם פון גוייִשער עבודה־זרה,
כדי זיי זאָלן כשרע פאַרבלייבן היטער,
לצמיתות,
פון דײַן עטרה.

# אפשר

כסדר עס גראָבט זיך מײַן חקירה
אין זיך, אין דעם אייגענעם עבר,
כאָטש גאָט ווייס, ווי גערן פון דעם כ׳וואָלט אַנטלאָפֿן;
נאָר האַרבער פון אַלץ איז,
וואָס תמיד כ׳אַנטפּלעק אין זיך גופא דעם חוטא,
וואָס אַלע אָנצאָליקע שאַנסן — פון צווישן די פינגער צערונען.
איז זיך אַליין רוף איך צום מישפט
צום שטרענגסטן פון אַלע דיינים מחמירים —
צום שכל הישר,
באַקומען אים ערשט צו נעילה...

און טאָמער דערגייט צו מײַן אויער דער קול פון סניגור —
דײַן חטא איז בשגגה,
פאַרבלײַב איך אַלץ איינס אָן אַ שטענדער,
אַ לאָמער,
אָן לייטער צום הימל,
מיט האַרב פון חלומות פאַרקוואַרטע — קרבנות פון תמימות —
און פויזע אין נאַכט אײַנגעקיטלט,
און טאַפּ מיט צעבלוטיקטע פינגער —
אויף זיי הענגט די ראיה פון בלינדן —
פאַראַן איז נאָך אפשר אַ סליאַד צום גן־עדן,
אָן אָפּהילך אייכה דאָס חרובע האַרץ צו אָפּחיהן;
און אפשר —
אין מבול וואָס רעגנט מיט שטייניקער פרעמד —
אַ טויב וועט מיר ברענגען אין שנאָבל
אַ בלעטל אמונה...

## מיט פרייד און מיט ציטער

מיט יושר מײַן טאַטע געדינט האָט צו דיר און מיט תמימות,
און דו האָסט אַ יורש פאַר זײַנע חלומות באַשערט אים,
וואָס ראוי זאָל זײַן אים מצרף צו זײַן צו אַ מנין
און בלײַבן אין אהבת ישראל אַ תמיד פאַרהערטער.

געגנוג פאַרן טאַטן איין וועג איז געוועזן — משיח,
זײַן טרער האָט געגראָבן אין טיף און זײַן תפילה לעני
אויף יעקבס האָט לייטער געשפּאַנט אין אַ זוניקן גליען,
און הארץ זיינס אין בטול היש האָט געפונען נחמה.

דעם זון האָבן הימלען פאַרוויקלט אַזוי ווי אַ טלית,
נאָר אים האָט געדאַכט זיך — פון ווײַטן קאַפּעליעס עס רופן,
אין קוזשניעס — פון ניַיע נגונים זיך האַמערט אַ הלל,
איז ער פון דער יידישער קוזשניע אַוועק בגילופין.

שטאָק־נאַכט האָט אים ניכטער געמאַכט, ווי, געעפנט די אויגן —
דער מיזרח פון היכל באַזעצט איז פון עבודה־זרה,
ווו שפּײַכלערס מיט בלווער אמונה דערבערגען אין סטויגן,
און ס׳הויערט הכנעה, אָן פליגל, פון אַ בית־הקברות...

איז ער אוים בן־בית געוואָרן אין אייגענעם חדר,
פאַרשווונדן דער לעצטער אויך שומר אין עמק־הבכא,
אַ באָרוועסער שלעפּט זיך זײַן חלום אום נאָך דער עקדה,
געקרייצט איז דער שבת, פאַרשניטן איז זײַן אינדערוואָכן.

אַ לעצטער נאָך פונק על פּי נס האָט אין אַשוואַרג געקליאָוועט,
האָט ער דעם לאַמטערן פאַרלאָזטן אין ברוך פון די לוחות
צוריק אָפּגעהיהט — דערטאַפּט ביַי זיַין שיַין האָט דער אָבל
דעם וועג פון זיַין זעליקן טאַטן אין דער זאַווערוכע.

פאַרגייט זיך דער זון אין אַ תפילה צופוסנס פון לייטער
מיט פרייד און מיט ציטער, ווי משה ביַים פלאַמיקן דאָרן,
די פרייד פון געפינען אין תהום די געגאַרטע אבידה,
דער ציטער — ווער ווייס, צי פון שונאים דער נס איז באַוואָרנט.

*

„ומעץ הדעת טוב ורע לא תאכל". בראשית, ב׳, י״ז

רבונו של עולם!
דעם עפּל האָב איך דאָך געגעסן פון דעם עץ־הדעת
פון שלום־בית וועגן;
און לויט דײַן אָנזאָג האָב איך דאָך געדאַרפט
פון טוב ורע אַ ציטער־צינגל ווערן;
פאַרוואָס זשע שעפּט כסדר מײַן געדעכעניש אַרויס
פון צאַפּל נעכטיקן איעדע רגע,
עבירות פּיצעניאָנטשינקע פון שויס
לגבי זיך אַליין, נאָר זיך אַליין,
געפאַלענע בשוגג,
אַזש כ׳לאָז אַראָפּ אין מיטן נאַכט אַפילו
פאַר בושה מײַנע אויגן,
און ס׳פרעסט חרטה אינעם האַרץ מיט אַלע ציין.

רבונו של עולם!
איך בין דאָך ניט קיין למד־וואָווניק,
און מײַנע פּלייצעס שוואַך,
אוי וויי, ווי שוואַך!
אין־סופיק,
און כ׳קען מײַן בלאָנדזשען ניט מטהר זײַן
אין בלוט פון טײַבעלעך וואָס גיסט זיך רונד־אַרומיק!
איז ווו?
ווו איז דער טוב? —
דער שפור פון מײַנע מיצווהלעך אין קלומיק —
אַפילו מילביק אין סך־הכול —
וואָס זאָלן אונטערגאַרטלען מיר מײַן טראָט
וואָס נעמט זיך וואַקלען?..

## אויסטראָגן

ווען איך קען, פֿאַרהאַלטן וואָלט איך אָט די נאַכט,
פֿאַרשלאָסן כאָטש דער הימל איז אויף אַלע זיבן ריגלען,
אויסלעשן דעם לאָמפּ, אַ לעצטן פֿלעמל ווו עס וואַכט,
פֿון אַלע ספירות צען איך וואָלט זיך איצט אַרויסגעוויקלט.

גוט צו וואַרטן איז אויף טאָג ווען גלויבן וואַכט ביי טיר
און היט אַ שליסל אָפּ צו אַלע שלעסער פֿונעם שפּעטער,
שעפּטשען תּפֿילות אויפֿן ראַנד פֿון צווייפֿל און פֿאַרליר —
ווען דממה טוליעט צו איר אויער צו דיין האַרציק בעטן.

נאָר ווען ס׳לעבן הענגט אויף שפּינוועבס-פֿעדעמל פֿון היינט,
ווייל אויסגעטליִעט מיטן נעכטן האָט דער מאָרגן-חלום,
און אָן אַ גאָט, פֿאַרשעמט, עס פֿוסטעוועט מיין אוהל-מועד —

טאָ זאָל מיין עלנט טיף אין האַרצן איינגעשיידלט זיין,
און רחמנות-קאָנוועגאַנסן פֿערטלען אים ניט זאָלן,
בסתר אויסטראָגן, ביז לעצט, פֿון בלוט זיין האַליק וואָיען...

## תמיד אַזוי

דער היַינט מיטן נעכטן פֿאַרקייטלט, פֿאַרצווײַלינגט,
און דרייַלינגט אַוודאי אַזוי מיטן מאָרגן;
ערשט אָקערשט מיט האָפן דערוואַרט דעם באַגינען,
אין צווישן —
אַ רויך האָט פֿאַרמישט אַלע בלעטלעך פֿון לוח,
אַראָפּ איז אַ רגע פֿון ערגעץ ניט־הי
אין גרוי, אין ויהי...

וווּ זיַינען אַוועק זשע די גאָלדענע בריקן,
געצויגן אַריבער צעכוואַליעטע ימים עינוייִם
צו גראָזיקע ברעגן,
מיט אָדלערשן רוף אין די רוימען צעפֿליגלט?!

כאָטש קורץ, איז מעבדות לחירות די וויזיע —
נאָר נאָענט אַזוי, מיט דער האַנט צו דערלאַנגען,
און תמיד דער אייגענער חלום און מיזמור,
און תמיד די גסיסה,
אָן נרות...

איז קען איך עד היום דעם קנופּ ניט צענעמען
פֿון י אָ, וואָס אין דורשטיקע בליקן אַליינט,
און דאָיקן דאָרניקן ג י י ן;
די אָנונג פֿון שלאָכט — לכתחילה באַזיגט —
און סוף וואָס איז תמיד אומזיניק.

דאָך ווער איז מסוגל אַ ברעטל צו שטעלן דעם חלום,
וואָס בליצט אויף, איין רגע אַפילו, אין תוהו ובוהו

מיט קנאַפּיקן דויער,
ווען האַרץ, וואָס פון ספקות צעפּרעסן,
איז תּמיד מתפּלל נאָך טראָפּעלע בלוי,
מיט ליפּן פאַרשרפעט — נאָך פערלעך טוי,
און תּמיד אַזוי,
תּמיד אַזוי...

# אַ תפילה

צום פּרדס פון טרוים און פון ליד,
אין טלית פון שווייַגן, עס פערלט זיך תמיד אַ תפילה —
עס זאָל ניט פאַרשיִטן קיין זאַמד פון מייַן חלום די טריט;
מייַן ניגון — פון קוואַליקן הארצן אַ ליליע —
אין ראָזן באַגין,
און שוויתי פאַרקייטלט,
ניט זייַן זאָל אַ קרבן פון פרישער עקדה...

## וויג פון טרויער

אַפילו די דערנער וואָס ווערגן אין האַלדז פון זכרון,
וואָס האַלט אין די ציינער דאָס פלייש פונעם חורבן
דעם צווייטן,
דעם דריטן,
מיט טרערן און בראַנד פון פאַרלאָשענע יאָרן;
אַפילו די קברים,
וואָס מאָנען פאַרשטומט דעם פאַרשפּילטן געראַנגל פון דורות
פאַר לופט און פאַר זון און פאַר הימל, אָן מורא,
איז דאָך ניט די וויג פון דעם בייסיקן טרויער —
אין פלאָנטער פון דערנער,
אין טרערן פון מאָכיקן שטויב,
זיך ציַיטיקט כסדר פון האָפן דאָס ברויט,
די ערבות פון דויער...

איז וואָס וויקלט איַין פון מיַין רגע די שלייפן
אין ליַילעכער טרויער,
היַינט,
ווען פחד באַלאַגערט דאָס האַרץ פון די שונאים,
און ס'איז ניט די ערשטע דאָך שרפה,
וואָס האָט אונדזער הימל צעפלאַקערט?!

אַוודאי, אַוודאי, מיַין פריַינד,
וויַיל פּיַין האָט פאַראַקערט
אַ לעצטן שוין בייט פון מיַין זיַיִן,
וואָס ניט קיין באַראַן טוט פאַרביַיטן עקדה פון בנים,
נאָר אויפן מזבח פון דויער
געזאָלבטע בן־יקירים
פאַרקריצן לדורות מיט העלישן פיַיער
דעם אייגענעם נאָמען...

# אין פלאָנטער פון מחשבות

איך ווער פאַרפּאַלן, גאָט, אין פלאָנטער פון מחשבות,
און אָפּט מיך שטעפּט אַדורך אַ שלענגעלע פון כולו חייב,
אַ וויי פון כפירה:
ווי באַלד
דעם בחיר היצורים האָסטו אויסגעפורעמט
אין דיַין געשטאַלט,
און יעדעם אָדמל אַ גאָט האָט אין זיַין האַרץ,
מוז דאָך אויך אַ גאָט אין געטלעך האַרצן דיַינעם טיַיען;
איז ווי זשע פאָרט זיך עָם ביודעים
מיט אל קנא ונוטר?

איך רייד צו דיר ווי ס׳האָט צו דיר גערעדט מיַין טאַטע,
אין זיַין זכות־אבות,
נאָר ניט בדממה דקה, מיט אַ תחינה —
איך מאָן צו אַ דין־תורה דיך, פון מיַין יסורים־קראַטער,
צום גאָט וואָס אין דיַין האַרצן הימלט,
צום סאַמע אש להבה.

נאָר ווי —
דער שליאַך וואָס פירט צו דיר איז אָפּטמאָל גליטשיק־איַיזיק,
אויסגעלאָשן די פאַנאַרן,
און קנוילן נאַכט זיך קיַיקלען פון פרימאָרגן,
און כ׳קען ניט מיַינע ספקות איבערשפּריַיזן...

זאָל זיַין אַז דו ווערסט אויך פאַרפּיַיניקט אין די יאָרגענג
אין טוב־ורע־געראַנגל,

ווי דער בחיר פון דײַן יצירה,
איעדע רגע פון זײַן סדומיש זײַן,
וואָס ניט געטרייסט זיין בענקען בלײַבט,
און ניט באַוויליקט זײַנע ציטריקסטע פאַרלאַנגען,
און איז פון יִאוש ניט באַשירעמט?

ווײַל אים, געשאַפן ערב דעם ויכולו־ניגון,
פאַרגאַרטלט האָבן פחדים זײַן בצימצומדיקן עיגול,
האָט ער — אָן כוח צו אַן אייביקער נעילה —
אַרײַנגעכאַפּט אין זײַנע ציין, אַנשטאָט אַ תפילה,
אַ מעסער!
און גרייט איז ושלאָקען בלוט פון האַלדז
ביים שעפעלע, ווי אַלע חיות אינעם וואַלד.
און ער דאַרף זײַן דאָס דײַן בצלם?
דײַן שפּיגל?!...
דאָס הייסט אַז אויך פאַר דיר...
אַלץ כשר לכתחילה איז אין זיבעטן רקיע?
ס'הייסט...

אַנגסטן מאַכן בלינד מײַן בליק, דאָס לײַב אין קאַלטן שווייס,
דער קראַטער צונטערט זיך, באַלד פּלאַצט אוים דער פאַרליר
מיט אַלע ארבע מיתות אָנגעשפּאַנט...
רבונו של עולם!
שטרעק מיר אוים דײַן חסד־האַנט,
קער אום מיר מײַן ראיה.

## דער בוים פון אמת

אוי, רבי פון די טויטע חסידים בראַסלאַווער, ר׳ נחמן!
ווי קען מען צו דעם בוים וואָס כולו אמת איז דערגרייכן?
איך זע אים אויך, ווי דו רבי, אין רוימען ברייט צעפליגלט
און בין פאַרבלענדט פון זײַנע מים־חיים ריחות,
כאָטש ס׳נעפלען זיך געדיכט די ווײַטן
ניט מיט עקבתא דמשיחא שפורן,
נאָר בייזע רוחות ווילדעווען אויף אַלע וועגן,
און תשוקות זאַפּטיקע,
וואָס האָבן ווענס צעגרינט מדבריות,
זיך וואַלגערן,
ווי שמות פון צעשאָסענע סידורים,
און זייער שטויב
מײַן אויסקום האָט פאַרמרורט.

עד היום כ׳בין צעטומלט פון דײַן בשורה —
תחנונים צום השם יתברך זאָל מען צוטראָגן מיט שמחה,
ווי טיף עס זאָל ניט זײַן דער ברונעם פון יסורים.
און מײַן התפעלות לייטערט אויף די שטראַלן פון דײַן זכות,
וואָס האָט באַוואָרנט דיך מיט קדושה צו דערגיין,
זיך אויסשפרייטן אין שאָטן פון דעם בוים,
און מיט די פייגל צווישן זײַנע צווײַגן,
און מיט די חיות וואָס פון אונטן הוליען —
דערגרונטעווען צום האַרץ פון דורכזיכטיקן ניגון,
צום ניגון פון גאולה,
דערקלײַבן זיך צום סאַמע תכלית־שפיגל,
אָט דאָרט —
„וווּ ס׳איז ניטאָ קיין אָרט״...

נאָר וואָס זאָל טאָן דאָס נעבעכל,
וואָס טועס זײַן איז אים באַשערט פון דײַנע מידות —
פון יראה, פון אמונה און עניוות,
ווען אין זײַן אוהל אַ ניט־גוטער האָט פאַרקאַרבט אַ ספק
און ס׳לעשן זיך די שקיעות פון זײַן האָפן.

פאַרכישופט פון דײַן פשטות און דײַן חדווה,
כ׳בין צוגעשמידט צום רײַטטוואָגן
פון דײַן עליה,
צו דיר —
פאַרשניטענער אין עצם בלי פון שירה —
און לאָגלען בענקשאַפט בריִען מײַנע וויִעס,
נאָר איך ———
איך האָב קיין כוח ניט אין מײַן ירידה
זיך ראַנגלען מיטן צער פון תהומען
און מיט די ספקות וואָס זיך צינדן אין מײַן רעיון ;
זוך איך אַ טראָפּנדל, אַ ניצוץ פון דײַן שמחה
צו אָנהימלען דעם אײַן...

# כרת

כ׳ווייס ניט, גאָט, אין ווּעמענס טיר צו קלאַפּן,
קום איך ווידער צו דײַן שוועל בגפֿי,
מיט אָדערן, שוין אויפגעטרענטע, פונעם האַרץ.

געפלייסט כ׳האָב בראָזגען שויבן פון גבאים,
געמאָנט בײַ זיי פון קדושים די צוואה —
אָפּצוהיטן לעצטע פונקען פונעם אַרץ...

זײַנען זיי, פון עולם-הזה די אושפּיזין,
ווײַט פון שפּאַלטן הימלען בײַ ירושה-גסיסה,
כאָטש ס׳וואָרקען שוין ניט אייניקלעך קיין יידיש וואָרט.

ס׳גרייט זיך שטום צו די לוויה,
שטיל,
אָן טרערן,
נאָך לשון מאַמישן, דעם פּאַלנדיקן שטערן;
ווּ האָדעוועט אַ יתום זיך אין נײַעם דור?..

געפורעמט זײַנען די גבאים ניט בצלם,
זייער זײַן — אין זכות פון קורחס צעלטן;
אַניט —

וואָלט זיי דער צאַנוויטיק פונעם זכרון
צעפליקט,
יואָם אייגן הויז איז אויסגעשטעלט אויף כרת.

באַשער זשע, גאָט, אַ חלום מיר כאָטש פון איין מנין,
וואָס אויערן פאַרפעטסטע שטורעמט פון באַגינען!
כ׳זאָל בציבור איינשפּאַנען מײַן הייזעריקן קול
מיט תפילות,
אין זכות־אבות איינגעדימענט,
די גזירה אָפּשרײַען פון טשאַטנדיק שוואַרציאַר...

# פחד

פּ־ח־ד — דריי אותיות,
אָן אַ שליסל:
אַ צעפלאַקערטער דאַך פון אַ שטורעם גערייאָגט
און אַט־אַט מיט אַ בראַזג וועט ער פלעטן דײַן קאָפּ?

און טאָמער אַ רויך פון חלומות בײַ שוועל פון גן־עדן,
אַ קרבן וואָס איז ניט באַוויליקט,
פאַרשוועכטע עקדה פון גלויבן?..

און אפשר אין בלינדקייט פון נאַכט,
האַלב דרעמל, האַלב וואַך,
דערהערסטו אַ זעץ אין דײַן טיר,
אַ שטייניק געשריי —
פּאָליציי!!!

צי גאָר אויף אַ בונקער פאַרקאָוועטע טריט ————
און אַ האַנט פון אַ מאַמע
פאַרשטיקט דאָס געוויין פון איר קינד,
ביידן צוזאַמען?..

און אפשר איז פּחד דער תהום,
וואָס גליווערט אין פינצטערע שיכטן
אין אויג פון בצלם,
בײַם זען דעם סך־הכול וואָס לויערט בײַ טיר
און שיכורערהייט בלײַבט ער ניכטער?..

## וווהין?

וווהין זאָלן גיין די מיט פּנימער בלאַסע
און אויגן פאַרלאָפן,
וואָס זייער געשליפענער שווייגן רייסט קריעה
ווי ס'האַרץ פון אַן אָבל?

וווהין זאָלן גיין די וואָס טרוימען
אַ בולקע מיט פּוטער,
אַנטקעגן פאַרשמאַלציקטע מאָרדעס פון קיינעם,
ווען ז י י פעלט אַ פּרוטה?..

וווהין זאָלן גיין די אויף וועמען עס וואַרט אַ
געזאַלצענע קישן,
און זוכן אומזיסט אום אַן אָפענעם אויער
אַ צדיק אין ישוב?

איז קליאַנטשעט מיין תפילה מיט נאַקעטן יאוש,
דורך נעכט גאַנצע גלי איך:
אַ גאַרטל פאַר וואָגלער וואָס קוקן ניט אויס שוין
די טריט פון משיח...

## אָן פשרות

זינט ער געדענקט,
אַ לעבן לאַנג געבראָכן האַלדז און נאַקן;
די וואַקל־טריט פאַרטראָגן האָט דער זאַמד,
דער ווינט — זײַן „אוי״!..
נאָר ס׳האָט נאָך אַלע בייזע שלאַקסן,
אויף ס׳ניי,
אַ טרוים פאַרמישט אים זײַן געטראַנק
און זיך צעשפיגלט בלוי אין שויב
פון יתום.

און תמיד — אָט־אָט!
אָט נעמט ער אים אין האַנט,
צום פולן בעכער ווײַן שוין אויסגעשטרעקט די ליפּן,
און אָט — ניטאָ שוין,
אַ נאָדלדיקע קעלט,
אַ פרעמדער געגנט,
געפאַרבטע פעדערן פאַרפּוצן דעם טריף־פּסול
אָן האָריזאָנטן שימלען גרויע וועגן —

אַפילו הײַנט,
ווען ס׳יאָגט זײַן טרער ניט אָן
דעם פּחד פאַר ניט־ווערן,
און האַרץ איז טיף פאַרקנייטשט,
און מיד,
אַ נעסט צו פלעכטן אין דער שפּעטער שעה,
אַ דאַך און אַ לאַמטערן,

שפּאַרט ער זיך אָן נאָך אויף די פּליגל פון זײַן בענקען
און זוכט דורכאויס אַ סטעזשקעלע אָן פשרות
צום ניגון פון כי טוב,
וואָס טליִעט ווי אַ פונק אין דער מגילה פון זכרון
און האָט אין זײַנע טריט
ערשט נעכטן דאָך געבליט...

# אַ צווילינג

דער ברודער אַ מאמין,
אמונה — זיין שוועסטער;
און זינט איך געדענק,
כ'האָב זי תמיד געטוילעט
אין שוים פון מײַן האַרץ,
אַפּילו ביי גוייִש געלעסטער,
ווען טומאה פאַרשפּיגן האָט טרוימען
מיט גאַל.

גאָר אָפט האָסטו, שוועסטער, צעשמאָלצן מײַן צער
אין פײַער פון דויער,
מײַן פּײַן אָנגעסטראָיעט מיט קלאַנגען פון האַרף
פון שומר ישראל.

וואַרט איך נאָך עד היום
אויף פּסוקי־דזימרה פון נאָנטער גאולה,
כאָטש ספקות זיך ווימלען אין תהומען
פון מידן זיכרון,
און אָפּגעקלאָפּט ווערן די גאַרבן אמונה,
אין שײַער
פון עלנטן חולין.

## זכות־אבות

כסדר איך ציטער אויף די שברי־כּלים,
וואָס זײַנען אין האַנט מיר פֿאַרבליבן
און האָב ניט קיין מוט, פֿונעם האַרבן נסיון באַדמט,
פֿאַראַקערן ס׳פֿעלד אויף דאָס נײַ,
און שבעה נקיים זיך זעצן בײַם אָפּקלייב
פֿאַרוואַלגערטע קערנער פֿון תּרומה, אָן חשד פֿון אַ פּגם,
כּדי מיט אמונה און טרערן דער ערד זיי פֿאַרטרויען
און וואַרטן,
אַז אויפֿגיין אָן שעטנז וועט בלוי־בלויער לײַן...

פֿאַרבליבן כ׳בין, ווי מיר, אַ לעצטער בעל־תּפֿילה
פֿון דאַוונערס, וואָס האָבן פֿאַר רוצחישע וועלטן
מתפּלל געווען,
על פּי טעות,
בשוגג;
ווען ס׳געשריי וואָס פֿון קינדערשע אויגן,
דער גוואַלד פֿון אין צניעות געכאָוועטע קהילות,
האָט די זון ניט פֿאַרלאָשן
מיט אַש און מיט רויך און מיט כּרת —
איז ריכט איך אָפּ גלות,
פֿאַריתומט,
און פֿליסטער אין וואָגל אל מלא,
כאָטש כ׳קען ניט געפֿינען די קברים...

נאָר היינט,
ווען ס׳צירט זיך פֿײַן היים, זייער חלום, אין בלוי־ווײַסע פֿאָנען,
און ווײַניקע טרערן פֿאַרשיכּורן ווידער מײַן מאָרגן,

בענק איך נאָך טרערן וואָס אויסשווענקען זאָלן דעם טעות,
דעם שוגג פון האַרץ, וואָס געבלאָנדזשעט, כ'זאָל קענען פאַרגעסן...
בין ווײַטער מתפּלל בײַם אַלטינקן עמוד
אין יובלדיק-זוניקע רגעם —
עד סוף כל הדורות
ניט אויפהערן ברענען זאָל בײַ קינד-און-קייט דער נר תמיד,
דער זכר פון קדושים מיליאָנען,
וואָס פונעם מזבח אין בלוטיקן דין
געהייליקט זיי האָבן פון אונדזער זכות-אבות דעם יחוס
אויף אייגענע רויִקע ברעגן
לצמיתות!

## צוויי שווייגנס

לאַפּעם פּחד דעקן צו מײַן שויב,
און כ׳הער אין שווײַגעניש דעם בריל פון לייב
און דעם געוואָי פון הונגעריקן וואָלף;
פאַר אָטעם אייגענעם איך ציטער,
ווי פאַרשטיקט געלעגן אין אַ בונקער כ׳וואָלט,
ווען אויבן זוכן מײַנע אָפּגעצערטע גלידער
שיכורע פון שנאה
מענטשן — שפּינען.

מײַן גאָט!
צי וועל איך נאָך דערהאַרן זען דײַן הימל,
ווו שטערן טויכן אויף נאָך טבילה
אין בלויע קוואַלן פון גאולה
און שווײַגן אוים פון בראשית די מגילה,
וואָס טוליעט זיך אין ניגון ויכולו...

צוויי שווײַגנס.
מײַנע און די שטערנס.
אַ גוואַלדרים אין דער שטומקייט —
גרוי און בלוי.
אפשר וואַרטן זיי בײַם טויער פון גן־עדן
אויפן שפּיץ פון יעקבס לייטער?..
ווען אונטער מיר זיך ברעכט די ערד
און כ׳האָב ניט ווו אַוועקצושטעלן
אַפילו
דעם צופוסנס פון אַ תפילה...

## בענקשאַפט

אַמאָל האָסטו געדרעדט פון סנה,
מיט דונערן און בליצן אויפן סיני־באַרג,
דײַן וואָרט, צעגליט, פאַראַקערט פחד האָט אין האַרץ
פון קנעכט,
וואָס האָבן ניט געקענט פאַרדײַען זייער פרײַ־זײַן;
מיט יראה אָנגעזויגן בלאָנדזשענדיקע בליקן,
און צאָן אויף צאָן האָט ניט געטראָפן,
ווען דײַן געזעען קול
פאַרקריצט האָט זיך קרישטאָליק אין די פעלדזן.

האָט דורות, דורות לאַנג,
דײַן פאָלק געבראָטן יענער אויסטערלישער בראַנד,
די בלוטן האָט געהעלישט דער אנוכי,
און זיי דערציילט האָבן די פלאים פון זײַן מראה,
געטײַטשט אַ יעדן סימן פון די לוחות,
די קריינדעלעך פון יעדן אות,
ביז ס׳האָט פון העלער הויט
אַ פלייץ געטאָן אַ מבול וואָס געלעגן אַ פאַרטײַעטער אין סדום,
צעקנאַקט די אַלע דיברות צען,
פאַרקויטיקט זייער ערבות,
און ביזן זיבעטן רקיע חושך פראָסטיקן פאַרצויגן...
זוכט איין אות הײַנט אַרום אַ צוויטן,
ער זוכט זײַן היכל
אין מדבר פון די אומות,
ווּ פראַנק און פרײַ זיך פאַשעט טומאה.

און מיך — אַ האַלאַוועשקע פון דער שׂרפה —
וואָס האָט געהאַט דעם ניט פאַרדינטן זכות
די פוסטריט פון די אָבות אויסצוקושן
און שמועסן אין נאַכטיק שווייגן מיט די שטערן,
וואָס האָבן מיט זיי מיטגעוואָגלט —
לאָזט אַלץ ניט אָפּ דאָס בענקען
נאָך יענע אויסגעהאַקטע, גאָט, פון גומען דיינעם קלאַנגען,
נאָך יענע אותיות-בליצן פון א נ ו כ י,
נאָך יענע לוחות אויסגעזעצט מיט ווערטער-זונען,
וואָס האָבן קינדער-הערצלעך אַזוי פאַרקלעמט
ביים חומש...

## היט מיך אויס

אַזוי פיל מאָל אין קלעטער כ׳בין געפאַלן,
צומאָל געבראָכן האַלדז און נאַקן,
און דאָך —
מײַן בליק געפאַלן איז מיט פחד ניט אַראָפּ,
נאָר אָנגעפילט אויף ס׳ניי קרישטאָל־באָקאַלן
צום אויסלייזנס
אין ווײַטן וואָס געפאַקלט.

איז היט מיך אויס אויך הײַנט
פון אויסדרייען מיין קאָפּ אַהינטער,
און זאָל באַשערט מיר זײַן
מײַן מאָרגן מיט אמונה שפּײַזן
און טרייסט ניט זוכן אין זכרונות,
וואָס דאָ און דאָרט אַ מאָל זיך צינדן
מיט בלאַסן שײַן אויף קופּעס גרײַזן...

## ניט תמיד

ניט תמיד בין איך אַ בן־בית אין אייגענער וועלט,
כאָטש איר מאָם איז אַ שפּאַן,
און מײַן האַרץ,
וואָס, אין וועסנע־געהאָווע, מיט דורשטיקע ליפּן
געקניט האָט ביי יעדן מכלומרשט דערפרישנדן קוואַל,
אין אַ ווינקעלע שטייט מיט פאַרלאָפענע אויגן
און האָרכט, ווי דער ניגון פון וואַכן זכרון
פאַרגייט אין אַ קינה:
רבונו של עולם!
אַזוי לאַנג שטאָקנאַכט און דער חלום אָן שטערן!..

דאָך וואַרט איך נאָך אַלץ, מיט די ציצית אין האַנט,
אויף אַ נס —
אַז אַ רעגן פון רחמים
פאַרציִען אַ זוניקע בריק זאָל אויף רויִקע תהומען,
און מײַן אָפּגענאַרט האַרץ זאָל נאָך האָבן די זכיה
זיך טובלען, אַריבערן קאָפּ,
אין בשמים פון פרישע באַגינענס.
ווײַל ס׳מוז דאָך נאָך ערגעץ־ווו זײַן, טאַטע־פאָטער,
אַ גאָט אויף דער וועלט...

## און אפשר?..

פאַרשאָטן שוין דעם ברונעם שאלות,
אַ זיכערשלאָס אויף זייער קוואַל פאַרקייטלט,
פאַרחתמעט מיט דער חתימה — אמת,
ווי אַלע דיברות צען;
נאָר פלוצעם דורכגעבראָכן אַלע צוימען ס'האָט
די ערשטע שאלה — אָנוכי!
ווער בין איך — ד י ר ?!...

געגלייבט —
אַ קדשי־קדשים אויסגעבויט מיר האָבן
פאַר שותפותדיקן אָטעם פון באַגער,
פאַרביידנס בלוט וואָס מישט זיך אין אַ בראַנדשטראָם;
אָן אויג אַ פרעמדס זאָל ניט דערוועגן זיך אַרייַנקריכן,
מיט נייַגער אין שטיוואַלעס,
אין אונדזער קדושה־עיגול,
וואָס אַ פיצפּאָן זייַן לענג און ברייט,
נאָר אַלע הימלען רחבותדיק דאָרט בלויען
און ליגן אויף די פלייצעס פון די אייגענע שוואַרצאַפּלען —
די שומרים פון זייַן שמורה־ריגל.
בין איך פאַריתומט הייַנט,
וואָס בידיים האָסט צעעפנט די פאַראַדטיר
פאַר פרעמדן בליק,
וואָס קען חלומות מעסטן מיט אַ סאַנטימעטער,
מיט הענט וואָס ניט געוואַשן,
נאָר ניט מיט אָדערן פון האַרץ.

ליגט איצט פֿאַרשעמט די קדושה אָפּגעציטערטע,
געשאָנקענע פֿון גאָט אַליין מיט ברכה
ביַי קאַלטער שוועל פֿון ווינטער...

און אפשר איז מיַין טעות הימאַלאַיִק גרויס,
און עס איז גאָר ניט פֿרעמד פֿאַר דיר זיַין אויג?..

## כ׳טראָג זיי אַנטקעגן מיין הארץ

ס׳מוז זײַן אַ בעל־תפילה פאַר אַלע וואָס וואָגלען ביחידות,
יאָר־איין און יאָר־אויס, אינדערוואָכן און שבת,
און שלעפּן אַ האָרב פון אַליין זיך גענומענער בדידות —
ניט זאָרגן פאַר זיך נאָר פאַר וועלט עולם־הבא.

זיי זײַנען אַ לעבן געגאַנגען בלויז פאַזע די וועגן,
געהיט זיך פון שטרויכל צו זײַן אַ מקבל,
בקדושה ובטהרה געטראָגן דער נויט ברויט אַנטקעגן,
אויף לייטער פון אהבת־ישראל געשטאַפּלט.

מיט אויגן געשלאָסן, פאַרהאָרכטע אין ווײַטער גאולה,
אין טויען פון האָפן געוואַשן דאָס פּנים,
ניט אָפּגעשוועכט אייגענעם צער האָט אַ שמייכל פון בתולות,
אויף מיידלשער ברוסט ניט געמאַכט שהחיינו...

זיי שלאָגן על־חטא זיך אויף הערצער צעבראָכן, פאַרביטערט —
ניט טועם געווען פון די האָניק־עבירות,
מיט זיי האָסטו, גאָט, אויסגעזאַלבט פון די לאָזן די גלידער,
געשאָנקען דעם צווייפלער מיט חסד אַ ברירה.

און הײַנט, פון יאָריד ווען זיי פאָרן, פון טרוים אָפּגעשוונדן,
צעפרעסן דאָס הארץ פון חרטה, פאַרשממהט,
טראָג איך זיי אַנטקעגן מײַן טאָרבע מיט ווונדן,
כ׳בין זייער בעל־תפילה און רוף זיי צום עמוד...

# תיקון חצות

סיי לעבן, סיי טויט,
איז דאָס טעגלעכע ברויט
אין פּיצעלע זיין פּונעם אָדם ;
דעם שידוך פון שמחה און נויט
פאַרטראַכט במסתּרים האָט גאָט
אין אַ בין־השמשות־מיסטעריע ;
דערפאַר צאַפּלט ס׳האַרץ אָנגעלאָדן
מיט שווייגשאַפט־מעלאָדיע פון שטערן
און איכה־באַנקראָט . . .

# בלית ברירה

אין נעכט,
אין לאַנגע, לאַנגע נעכט,
אין שוים פון אימה,
פון וועלכער קענסט זיך ניט אַנטווייגען,
זוכסט אַלץ אַרום דעם שיפער צו די יאָרן,
וואָס קאָלטענען זיך יאָזשיק אין זכרון,
ווו אייגן פנים קענסטו ניט דעקענען,
און זיך אַליין אין זיי קענסט ניט באַנעמען, —
במילא טרערט זיך אוים אַ תפילה,
אין ווינד און וויי,
דעם דופק צו דערהאַרן פון באַגינען,
די זון זאָל אפשר אויסשרפען
דעם גיהנום
פון הערגליפן אַן באַשייד...
און ווייל אַ תפילה מוז דאָך פאַלן אויף אַן אויער,
זוכסטו אַ גאָט
און ציטערסט פאַר אַ בלינדן טויער...

# חטאתי

דעם הייליקן זכר פון אונדזערע
שרייבערס — אנוסים

געווען בין איך, אַז אָבל פינצטערער, צו אײַליק
אַרויסגעפּלאַצט ווען ס׳האָט די טענה אין מײַן יִיאוש,
אַז אײַער דאַוונען צו דער טומאה מיט התפּעלות
פאַרשטעלט פון קהילות האָט די גאַזאָוויזונגס און תּליות.

אויך איך בין דאָך, ווי איר, געווען בגילופין
פון דעם משיח, וואָס דעם מזרח האָט באַפליגלט;
באַשײַמפּערלעך געהאָרכט — אַרום אים פאָכען כּרובים,
די טויערן פון בייז זײַן לויטערקייט פאַרזיגלט.

נאָר ווי! אײַך, זינגענדיקע פלאַטערלעך, געווען באַשערט איז
אין קאַראַהאָד אַרום דעם פלאַם, התלהבותדיק צעיובלט,
די פליגלען אָפּסמאַליען, די סאַמע, סאַמע ערשטע,
און אײַער האַרץ — אל מלא בײַ אַ שוואַרצער חופּה...

האָט איר, געפּלעפּט, אַרומגעלעקט די רויע ווונדן פון געבייזער,
דעם שיר־המעלות־אַש פון שוואַרץ־געבוירענע באַגינענס,
געקײַכט מיט בלוט, האָט איר מיט פּירקאַנטיקע אותיות
געזונגען לויב — דאָס בידנע לעבן צו געווינען.

איז ווער בין איך, אַ וויַיטער פון דער שׂרפה,
כ׳זאָל מאָנען אײַך צום דין, אײַך — הייליקע נשמות?
עס גייט אין לעבן אונדז, געפינען אײַער קבר,
אַ דימענט אײַער זכר איז אין אור הגנוז.

און איך פֿאַרהאַמערט האָב אין האַרץ און מוח
דעם חשבון מיט דער וועלט און פֿרום־פֿאַרפּוצטן שקר,
פֿאַר אייניקלעך אין מײַן צוואה אײַנגעמויערט,
כ'טראָג אין די ציין אים ווען צו אײַך כ'בין עולה רגל.

★

ניגון ז״ל

האָסטו, אַלמעכטיקער, די שליחות אויסגעפירט אַליין
בנשיקה;
פאַרלאָשן ציטער-פעדעם פון נאָך טליִענדיקן האָפן,
פאַרברענט אויף אַש די וואַקלבריקן —
געהאַנגענע אויך תהומען פון פאַרגיין —
און צוגעטיילט אַ זעקעלע ירושלים-ערד
צוקאָפּנס
דעם קליאָוועדיקן האַרץ,
וואָס ערשט בײַם ראַנד פון זײַן-ניט-זײַן
אַ שטויבעלע פון פרייד האָט אים געגערט,
און טוי האָט אָפּגעטובלט זײַן פאַרטריקנט גאַרב
אויף ס׳נײַ.

נאָר איך פון מײַן פאַרפאַלנקײַט וואָס טיפער פונעם ים,
פון ווײַטן, ווײַטן וואַגלאַנד,
איך זוך דערגרונטעווען דעם תכלית-זין פון זײַן,
און אָפּט,
אין בלינדע נעכט,
איך הער מיט אַלע פאָרן פון מײַן פּײַן:
אין אָדערן פון דעם אין-סוף
עס ריזלט האַסטיק בלוט צום האַרץ,
צום קאָסמאָס-האַרץ וואָס טראָגט דײַן נאָמען, גאָט;
נאָר כ׳קען ניט משיג זײַן דעם גזר —
פאַרוואָס זיך ברעכט ניט אָפּ
אַ טרויערזאַנג אפילו,
אַ טרער אַן אָנגעציטערטע ווי צו נעילה,
פון דײַן עטרה,

און פאַלט ניט מיט אַ גוואַלד אויפן מזבח,
ווען ס׳לעשט זיך אויס פּלוצטאַלבן אַ נשמה
אין טויטער דממה,
וואָס פליקט אויס ריפּן אין געדעכעניש פון יאָרן
ביים גייער...

נאָר ניין!
דער אָבל בלייבט אַליין, אַליין...
און טראָגט זיין עלנט שטאָט אַ העמד.
עס רייסט ניט אָפּ קיין פייגעלע זיין שירה אינעם פלי,
און ניט די זון פאַרשפּעטיקט צום באַגינען,
און גרענעצן עס רויבערן סיי־ווי
מיט לויער און פאַרלערנד.
איי דער נאָך ניט באַנומענער ו י ה י?
אַרויסגעפאַלן איז גאָר פשוט פון זכרון,
אַז עמעצער געהימלט האָט אַמאָל דאָ הי
מיט חכמה און מיט שאַרפזין אָנגעדימענט.

# אַ זוכער

מיט וואָס זאָל אַ זוכער באַלײַכטן זײַן וועג,
ווען ס׳טריקענען אײַן לעצטע אָזערעס טרוימען,
וואָס האָבן מיט גלויבן באַוואָסערט דעם געגנט,
מיט שלווה און ריחות פֿון בלוי־בלויען בעז,
און טרייסט האָט געריזלט פֿון יום־טוב פֿאַרמעג?

מיט וואָס אונטערגאַרטלען דעם נישטער פֿון אויגן,
ווען ס׳פֿרירן די שעהען בײַם ראַנד פֿון דער שקיעה
און ס׳קרישלען זיך די פֿונדאַמענטן פֿון האָפֿן?
ווען נ י ש ט פֿרעסט די פֿאַרבן פֿון זײַן רעגנבויגן
און שטייניקער עלנט — זײַן קישן צוקאָפּנס?

ער ווערט ניט פֿאַרציטערט פֿאַר טויט און פֿאַר קברים,
כאָטש אויסגעשעפּט האָט נאָך זײַן ליד ניט די ווייען,
די ברונעמער צער פֿון חלומות — כּפּרות;
נאָר ביז ס׳וועט דער ווינטער זײַן בלוט פֿאַרקאַלייען,
גייט אויס נאָך אַ גלעט פֿון אַ מאַמישער האַנט
זײַן צעשרויפֿטער זכרון...

# יום־כיפור תשל״ה

מרדכי חלמישן

אַ נײַע הויט אַרויפגעצויגן האָסט אויף זיך
יום־כיפור ת. ש. ל. ה.
און דײַן שליחות הייליקע פון מתּן־תּורה אָן,
צו זײַן אַ יום־טוב פון מחילה און כפּרה,
פאַרחתמעט צו נעילה האָט אַ שטום געשריי...
פון הימל האָסט אַראָפּגעצויגן זײַנע תּכלת־בגדים,
מיט אַש באַשאָטן זײַן עטרה,
דײַן קדושה־ציטער אין אבלות אײַנגעקניטלט,
און ברענסט מיט שוואַרצע ליכט נאָכן זכרון,
וואָס שרפעט אונדזער ברויט און דעם צוקאָפּנס,
נאָך זין,
וואָס האָבן ניט פאַרזוכט דעם טעם פון זינד,
פון פּשטותדיקער שלווה,
פון ניט צערודערטע שבתים,
נאָר זיי באַשערט געווען צו זײַן דער שעיר לעזאזל...

און מיר — — —
וואָלקנס בײַ די שערים פון בית־עלמינס,
מיט קני געשטרויכלטע בײַ קבר בנים,
אין האַרץ אַ נר נשמה,
פאַרשטיינערט האָרכן מיר צום בלוט וואָס ליאַרעמט פון דער ערד
מיט אויגן אויסגעטריקנט פון אַ טרער,
און ווײַכן פון די הייכן;
מיר בעטן ניט מחילה
הײַנט יום־כיפּור,
ווײַל מיר אַליין — — —
מיר אַליין זײַנען ניט מוחל...

# מילבן

אַרומגענומען מיט אַ פּחדים־צוים מײַן דור איז
און אונטער טראָט זײַנעם זיך וואַקלט אום די ערד,
פאַרשטעקט ליגט יעדערער אַלייניק אין זיין נאָרע —
דעם קאָפּ באַהאַלטן פון דער דראָענדיקער לער.

פאַרהאַנגען זײַנע ווענט מיט אײַנגערעמטע פלעקן,
צעטומלטע ווי ער, צעקנאָדערטע פון אַנגסט;
ער זוכט אין הימלען ניט קיין בלויע שטעגן,
ווײַל צווישן שטערן, זאָגט ער, ז׳איך קיין גאָט פאַראַן.

באַנומען לייגט ער צו אַ רענדל צו אַ רענדל
מיט הונגעריקע פינגער אינעם בדיל־הדל
פון די פאַרטריקנטע אין זײַן נשמה לענדן,
בײַם חרובן צופוסנס פון דער גאָלדנער קאַלב...

טרערט עלנט אוים זײַן ווײ אַ דאַוונער אָן אַ שבת,
אָן צען צדיקים, אָן אַן עמוד, אָן אַ ליכט ———
ווייל מילבן־אויערן פאַרלייגן כפירה־שטאַבעס,
און קיינער רופט ניט גאָט און טוט ניט אוים די שיך...

★

**דעם פליער אהוד שלח ז"ל**

ניט פרעג.
ניטאָ קיין תשובה.
אַ שווייַגן וויקלט אויס זייַן נאָמען,
וואָס בויערט אין זכרון.

אַן אייַנגעפרעסטער שווייַגן,
ווי ס'שווייַגט דער שטיין בייַ זייַן צוקאָפּנס,
די פידלען אויף די בבל־ווערבעס,
די גבורה אין אבלות...

דייַן טרער דערשלינג.
איר פאַל — אַ פייַל איז אין דער שטומקייַט,
וואָס היט זייַן גליִענדיקן זכר
פאַר דורות.

נאָר ווייטיק אויס
דעם ניגון פון זייַן שמייכל —
געפּלאַצט אין מיטן שטייַגן
אויף פליגל פון ישראלס דויער...

## ביי דיין טויער

איז קלאַפּט ער ווידער אין דײַן טויער,
ווייל אַלע טירן צוגעריגלט,
אַראָפּגעלאָזט די שטאָרן
אין פּחד פון עין הרע...
ווער שענקען זשע אַ שמייכל וועט אַ בלויען
ביי שוועל פון זיקנה,
אַ גאַרטל פאַר פאַרשוואַכטע לענדן?

שלעפּט ער אַרום זיך זײַטיק ווי אַ פּרוש,
די אויגן צו, לעם דער עבודה זרה,
לעם קאַלטן בליאַסק פון דימענטן און רענדלעך —
אַ קײַלעכדיקער יתום
נאָך דער מאַמעס כשרע שבתים,
און זוכט אַ פּלעמל אָנצוּוואַרעמען די הענט,
ווען אין די פינגער צאַפּלען לעצטע קרוינען
פון אויסגעלאַכטע טרוימען,
און זײַנע אייגענע פיר ווענט,
זיי קאַפּען בלויז מיט טרערן פון זכרונות
און פאַרלענד...

★

דעם קדוש דני ברקוביץ ז״ל

איך האָב דיך ניט געקענט,
נאָר ס׳האָט דײַן גבורה מיר מײַן אויג פאַרהאַנגען
מיט אַ פּרוכת אויסגעשטיקט פון פײַער־זאַנגען
אין נע־ונדן דערנער־גאַנג
פון דורשטיקע נשמות צו די קוואַלן פון גאולה,
און אויסגעשטערנט אונדז די דרכים,
פאַרפלאָנטערטע אין ספקות און אין גרוי פון חולין,
דערפירט צום אויסגעטרוימטן לאַנד,
וואָס גאָט אַליין די אבות האָט פאַרשפּראָכן.

נאָר ס׳קען אָט די־אָ טרייסט,
וואָס כ׳פּרוּוו מיט איר פאַרצירעוועט מײַן האַרץ צעפּליקטן,
פון דער אבלות נאָך דײַן שטערנס אָפּגעהאַקטע פליגלען,
אים ניט אנטווייגען,
ווײַל כ׳ווייס —
ניטאָ קיין ערוב,
אַז נאָרעס שלאַנגען וועלן ניט פאַרנעמען זיך אין איינעם
אויף אונדזער אויסגעלײַטערטער עטרה,
אויף זין באַוואָפנטע מיט דורותדיקן חלום,
וואָס, אין באַגין פון זייער בליִען,
זיי מוזן טראָגן זייער שטורעמדיקע ברוסט אַנטקעגן
דעם גום פון גיפטיקן כלי־זין,
פאַרוויקלטן אין רויטער צניעות,
וואָס סמאַליעט אונדזער זײַן
מיט חושך־בליקן קייִנס.

דעריבער איז מײַן טרער אַזוי צעגליט,
אַ העליש פײַער,
ווען כ'בין צום זכר דײַנעם, דני, עולה רגל
און ווײַן מיט פײַער־טרערן
אויף דײַן ניט־ווערן...

## ווי איך

יללה פון הונגער און עלנט
פלעגט פליקן אין לײַב פון די נעכט ווי מיט שפּיזן,
ווען לעצט-לעצטע שײַבעלעך שקיעה
פלעגט חושך מיט בלינדן פּרוכת פֿאַרשליסן,
און פּחד האָט רוקנס — מאָדעלן —
געבראָכן צו קניִען...

אויך הײַנט —
ווען שטיל אָן אַ שאָרך ליגט דער פּרדס,
אין קיטלען פון בדידות,
מײַן אויער כאַפּט אויף אין די נעכט אַלע ברונעמער פּײַן
פון דיכטערס אָן גאַרטלען,
אָן ווידוי,
וואָס גוואַלדעוועז שטום אוים הספּדים
בײַם ספינקס פון די נײַסטע עקדות
און ווערן דערטרונקען אין ים פון די אייגענע טרערן,
אָן אַ ליכט אין לאַמטערן...

★

**דעם זכר פון משה הורוויץ ז״ל**

כ'האָב ניט באַגלייט דיך אין דײַן לעצטן וועג,
וואָס אָפּגעפּליקט האָט זיך אין דײַן באַגינען;
נאָר ס'האָט דײַן האַרץ — אַן אָפּגעריסן הימען —
פאַרוויקלט מײַן צוקאָפּנס אינעם גליִענדיקן פײַער
פון דײַן פאַרברענטן שײַער...

כ'האָב ניט באַגלייט דיך אין דײַן לעצטן וועג,
און בלויז מײַן גײַסט באַטרעט די שוועל פון דײַן משפּחה:
עס זאָל דאָס הײַטעלע וואָס קוים פאַרצויגן האָט אין עצבות
די ווונד וואָס האָט פאַרבראָכן אירע צווײַגן
ניט פּלאַצן
אין גוואַלד פון שווײַגן.

כ'האָב ניט באַגלייט דיך אין דײַן לעצטן וועג —
מײַן וואָרט, פון רחמים אויסגעקנאָטן,
ניט טרעפן ווי אַ פײַל אין האַרצן זאָל פון טרויער...
פאַרבלײַב איך מיט מײַן טרער אין שאָטן,
מיט זכר דײַנעם, וואָס אין מאַרך מיר בווערט.

## מיט וואָס?

מיט וואָס זאָל מען טרייסטן אבלות?
מיט וואָס קען מען טרייסטן אבלות
נאָך קינדער, געדיײַעט אין תכלית פון האָפן און גלויבן?
מיט ווערטער,
וואָס קײַקלען פון צונג זיך ווי קלעצער?..
און אפשר מיט שווײַגן לעם יאוש פון אָבל
מיט שלינגען די טרערן וואָס בריִען זײַן עלנט
און שווענקען דעם ים פון יסורים?
מיט פאַרטײַעטן שלוכץ בײַ זײַן וויינען?
מיט טראָגן דײַן הארץ אים אַנטקעגן
אין דעם יום הדין פונעם זינלאָזן זין?..

הײַנט ווי זאָל מען טרייסטן אַן אויג וואָס איז טרוקן — אַ מידבר,
אַ מויל מיט פאַרהאַנגענע שלעסער,
אַ קעל וואָס פאַרלייגט איז מיט שטאַבעס פון צער,
און ווייסט, אַז דיין הייזעריק קול
זיך אָפּשלאָגן וועט בלויז אין אייגענעם אויער...

ווי טפל עס ווערן די ווערטער
אַנטקעגן דער אָפענער ווונד פונעם גרונטלאָזן טרויער!

## ווי איז דער סניגור?

י. צ. שארגעל

רבונו של עולם!
איך בין דאָך אַן עדות, אַז נײַע עולמות
מחדש ביסטו יעדן טאָג, יעדע שעה —
אַ קראַנץ פון קאָלירן אין דעם אור הגנוז —
און אַלע צוזאַמען — ברוך שהחיינו —
אַ בלענדיק קאַפּעליע פון טרוימען,
וואָס צוגעטיילט האָסטו דײַן עבד דעם דיכטער,
כל זמן נאָך הי איז זײַן תפילה־געפליסטער...

נאָר כ׳האָב שוין מאָזאָליעס אין האַלדז
פון שרײַען און קלאַפּן צו דיר אין פאַרשלאָסענעם טויער,
ווײַל ס׳האָט נאָך ניט זוכה געווען צו דערהערן דײַן תשובה
מײַן אָנגעשפּיצט אויער
אויף איינער
איין איינציקער קשיה,
וואָס פליקט מיט די ציינער און נעגל פון האַרץ מײַנעם פּאַסן:
ווי קען איך דײַן מישפט באַזינגען,
אל רחום וחנון,
ווען אין מיטן דערינגען
אַ פראָסט נעמט פאַרציִען די שויב פון מײַן לעצטער אכסניה,
און שניי נעמט פאַרשיטן מײַן דאַך!
און די מעשי־בראשית עס גרינען נאָך דווקא אָן אויפהער
אין אַלע רמ״ח,
און ס׳ריזלט התפעלות אין דופק,
און טרויבן מיט גליק פון די אויגן נאָך קאַפּען
נאָך אַלע פאַרראַטן?..

איך קען ניט און וועל אויף דײַן תשובה ניט זײַן אַ מוותר!
אַפילו אין ווײַסצייג און טלית פאַרוויקלט,
מײַן גליווער וועט שרײַען קאַפּויער
און טרייסלען דיין כסא־הכבוד —
דײַן מישפּט איז דין פון בית־שמאי,
אויף רוגזה געקאַוועט,
חלפים מיט פּגמים די צונג פון קטיגור!
אל רחום וחנון,
און ווּ איז בית־הילל?
ווּ איז דער סניגור?!...

# דיין טרייער עבד

**אַ יונג מיידל פאַרליבט אין לעבן איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, ווייל זי האָט ניט געפונען ווער ס'זאָל זי וועלן הערן פון דער פרעסע**

איך האָב דיך ניט געקענט און וועל דיך שוין ניט קענען,
סײַדן די נשמות פלעכטן אײַן זיך אין לעולם ועד;
אַז זינט אַ פײַער האָט פאַרלענדט דײַן גוף איך לעב אין אַ גהינום,
פאַר זינד פון פרעמדער וועלט צעבראָכן ווערט מײַן רוקן פון בזיון.

איך ווייס ניט ווי פון הייליקן דאָס לעבן האָסטו זיך פאַרקײַקלט
ביז ברענגען פאַר אַ קרבן־עולה דײַן נאָך בתולימדיקן ציטער;
נאָר מײַן נשמה וואָלט דערקענט דיך באַלד אין דײַן גערולדיק
שווײַגן,
ווען, שטאָט אַן אָפן אויער, האָט געפינצטערט פאַר דײַן בליק
אַ שווארצע מיטה.

ביסטו אַוועק מיט אַלע זונען פון דײַן הארץ וואָס ניט צעעפנט
מיט מיצוות אויף דײַן פרומער צונג און לאָגלען מוטערשאַפט
אין רחם;
און איך דײַן זכר, כל זמן כ'לעב, פאַרבלײַבן כ'וועל אַ טרײַער עבד,
אַ טרער, געפאַלן פון דײַן אויג, מײַן וויגעוויד האָט דורכגעלעכערט.

## מחשבות

איך גלייב אין דײַן פֿאַראַנענקייט, מײַן גאָט,
כאָטש פֿון קריאת-שמע ווײַכן לאַנג שוין מײַנע יאָרן;
נאָר כ׳גלייב ניט אין קיין שליחים און מלאכים,
פֿון זיי באַשטיין זאָל די פּמליא
צו אויספֿילן דײַן רצון
אין קאָסמאָס, וועמעס סודות כ׳טו קוים אָנען.
ווײַל ביסטו גאָט — וואָס טויגן דיר געשוואָרענע באַזינגער
און קדוש-אונטערשפּרינגער,
וואָס פּלאָנטערן זיך בלויז אין דײַנע שטראַלן, הכול יכול?..
ביסטו אוודאי דאָך אַליין, אַליין, מיט אַלע ימים חכמה,
ווי דער מענטש, דער יתום-פּלא פֿון דער בריאה...
נאָר איך, דער אדם, זע, געפֿונען דאָך אַ טרייסט איך האָב,
אין מײַן אָנסופֿיק זוכן דיך, מײַן גאָט,
אין נאָך אַן אדם, וואָס פֿאַרקנאָטן האָט, ווי איך,
זײַן פּענעץ ברויט אין אַש פֿון עלנט,
אַ באָרוועסער, אָן ליכט...
מיט וועמען אָבער טיילסטו, האַרצעדיקער פֿאָטער,
דײַן טעגלעך ברויט,
די תהומען פֿון דײַן קדמון-עלנט,
וועמען ס׳פֿעלט אַפֿילו אויס די טרייסט פֿון טויט?..
צי דען זוכסטו אַרום דעם מענטש,
ווי ער, דער בחיר פֿון דײַן יצירה,
וואָס קען ניט עפֿענען די טירן
פֿון פּחדים-רעטענישן אין אין-סופֿיקן באַשאַף?
פֿאַרוואָס זשע זעסטו ניט זײַן איינגעפֿאַלן זעגל?..
ביסטו אַ גאָט, וואָס מעשי-בראשית שאַפֿט איעדע רגע,
וואָס שטרויכלט זשע דײַן וועג צו אָפּזוכן זײַן אויסגעבענקטן איך,
וואָס האָט דײַן אייביקייט שוין לאַנג באַנומען,
נאָר זיך אַליין עד היום ניט געפֿונען.

## שינאת־חינם

ווי אַלע ברואים זינק איך אין ניט־וויסן
ווי גרויס די קיצבה איז פון מײַן באַשערטקייט;
ס'קען זײַן אַז מאָרגן, איבערמאָרגן, באַלד,
און אפשר עפּעס שפּעטער,
אַריבערטרעטן כ'וועל די שוועל פון גזר,
דעם אויגנבליק פון הײַיק האַוועץ —
צו דעם מײַן גוף אפילו איז נאָך ווײַט ניט גרייט.
און כאָטש איך זוך מיט ליכט בײַטאָג
און גראַבל מיט די נעגל אין די תהומען פונעם עבר,
די פינגער — רויע וווּנד,
דאָס האַרץ פאַרפּולט מיט פּוסטע נעכטנס —
ניט אויסגעזוכט כ'האָב נאָך דעם דימענט פון כי־טוב
פאַר אַלע נאָדלען, אָנגעפּיקעוועט אין לײַב פאַרצערטן.
שטיי איך, בפירוש, אַ תובע אל הדין.
„צדיק ורע לו" —
דער תירוץ קלעפּט זיך ניט צו מײַנע שאלות:
כ'בין ניט קיין צדיק
און וויל ניט זײַן ווי ער פאַרפאַלן,
נאָר גרייט בין איך צו אַלע ארבע מיתות בית־דין,
אויב איך געווען בין ווען ס'איז אַ מקבל
און ניט באַצאָלט דעם קרן מיט פּראָצענט,
מיט ציטער אין שוואַרצאַפּל.
קען איך ניט אויסטאָן זיך פון אייגן לײַב,
פון אײַנגעגעסענע אין בלוטן יעלות,
כאָטש גרינער גראָז און קנאָספּן אָנגעגאָסן
אויף חורבות — בלומיקע גאַרדינען —
צו מײַנע ווײַעס,

פון וועלכע ס׳יאָגט אַ ווינט מיט צער,
פאַרקײַקלען טרערן פון התפּעלות,
און כ׳קען ניט אויסשטרײַכן דעם חשבון מיט דער וועלט
און מוחל זײַן דעם שנאת־חינם...

## אַ גרוש

עס איז אין האַרץ אים ניט פאַרבליבן מער קיין שפּאַן
אַ טראָט צו שטעלן,
און אַלע סטעזשקעלעך פון זײַן זכרון
פאַרוואַקסן שוין פון לאַנג.
בײַנאַכט ער זאָגט פון אויסווייניק קאַפּיטלעך פון קוהלת
און וואַרט אויף רגע אָפּצוזאָגן זײַנע יאָרן
אָן ווידוי...

אַז תמיד רײַסט אים אויף זײַן בדידות
אַ זכר — איינער, איינער נאָר —
אַ האַרטער, ווי אַן אומגליק, דאָרן,
פון דער אבידע,
וואָס האָט אַמאָל
זײַן בעכער, פול מיט ראָזן גלויבן, טריף געמאַכט,
פאַרשוועכט זײַן היכל,
ביז ער פאַרבליבן איז ווי אָן אַ צלם אַ מאָנאַך...

און קיינער פרעגט ניט, קיינער ווייס ניט,
דעם סוד וואָס האָט פאַרזיגלט זײַנע ליפּן,
און וואָס פאַרפּײַניקט אים מיט אַלע זײַנע שטומע אותיות,
ביז ס'וועט אַ רידל ערד מיט חסד אים פאַרשיטן...

# פאַרזעסען

אַזוי פיל פריינד,
און קאָמפּלימענטן,
און בליקן גיריקע וואָס טוען אויס דיך נאַקעט;
נאָר אין די אָוונטן
שפּאַרסט אָן דעם קאָפּ אָן די צעפּליקטע בלעטער פון דיין חלום,
מיט געוואַקל,
און וואַרטסט, וואַרטסט,
אַז ענטפערן דיין בענקען זאָלן ווידערקולן...

מיט שמאָלע פינגער טאַפּסטו אָן ביים שפּיגל
די טריט פון אַלע נעכטנס פלאַמיקע,
וואָס האָבן זיך פאַרלאָשן,
איינס נאָך איינס,
פאַריתומט,
אין בתולים-בעט פאַרוויאַנעט,
און זייער זכר אין דער קאַנווע,
וואָס האָט צום הויכן שטערן זיך פאַרגנבעט...

אַ קאָם מיט שלוכץ שפּאַרט זיך אַריין אין קעל,
נאָר ס'קישן שרפעט אויס דיין טרער.
צעבריט דאָס לייב,
און ס'חלפט דורך דיין גוף
אַ גלוסט,
מיט גלי,
און טרייבט אַריין מיט ספּאַזמעט דיינע הענט
צווישן די פאַרפרעסטע קני...

און שטיל שטיל.
פול די שטילקייט ווי דײַן עלנט
מיט קוהלת.
דער זייגער ציילט נאָר מאָנאָטאָניק
די רגעם וואָס פאַרגייען
מיט אָראָפּגעלאָזטע וויִעם
און קראַצט אַ קנייטשל צו
אין האַרץ
אין דער נשמה,
ווען דײַנע אויסגעטאָקטע בריסט,
אָנגעקוואָלענע מיט חיות
גייען אוים נאָך ערשטן זינד,
נאָך שאַרפע ציין,
און נאָך אַ פּוכיק מײַלעכל אַ קינדס...

## וויפל?

וויפל קען אַ האַרץ פאַרטראָגן,
וויפל פּודן ווייטאָג
אָן אַ יישר־כּוח?

וויפל קען מען גיין און פאַלן
אויפן ראַנד פון תהומען
אָן אַ שטערן?

וויפל קען אַ שאַרבן קלאַפּן
אין פאַרמאַכטן טויער
אָן אַ תשובה?

וויפל מאָל גיין אויף לוויות
פון אמונות בלויע
אָן אַ תפילה?

וויפל גוואַלדן דאַרף מען מאַכן
ס'זאָל אַ גאָט דערהערן
דיין שטום לשון?

## בעל־תשובה

עס טרעפט אַז ער דערשפּירט פון פרעמד די ריחות,
וואָס איַינגעזאַפּט זיַין לײַב האָט אין די ראָזע יאָרן,
פון ליכטיקע בעריאָזעס זייער אויסגעזונטן שמייכל,
דעם הימל וואָס פאַרקליבן זיך אין אָזערעס קרישטאָלן,
און צויבערט אויס אַ זיסן קלעם אין האַרצן מיט אַ מאָל אים...

פאַרדריסט אים ווען זיַין הײַנט — אַ פולער כוס מיט ברכה —
פאַרמישט דער שאָרך נאָך פון אַנטפליגלטע חלומות
אָט דאָ,
וווּ יעדע שעה
אַ מיזמור בלימלט זיך אין תכלת־נאָטן
מיט לאָגלען טרייסט — לחיים!
אַ זוניק ליד אין טוויַיק־בלאָנדע לאָקן
צו מעשה־בראשית וואָס זיך האַלט אין איין באַנייען.

בייסט ער זיך אײַן מיט נעגל אין זיַין פלייש —
וואָס אויסוואָרצלען ער קען נאָך אַלץ דעם זכר ניט
פון יענע טײַכן שוויים
און פרילינגדיקן ליד,
געאַפּפערטע פאַר געצן בגילופין,
און ס׳גייט אים ווי זיַין שאָטן נאָך
דער וויי און יאָך
און די חרטה
פון אַ בעל־תשובה...

## ניט צו פאַרשטיין

דיַין צוגעזאָגטע היים — זבת חלב ודבש —
פאַרביטן האָסט אויף מידבר און געבערג פון שטיינער,
וואָס אויסקויפן געמוזט עס האָט דיין עם הבחירה,
לאַנד איין, לאַנד אויס,
מיט בלוט און מאַרך פון ביינער.
נאָר אינעם נע ונד וואָס האָט געאומרוט אין געהירן,
ביים רייסן קריעה אין פאַרקיטלטע חלומות,
דיַין עוולה, גאָט, געבוירן האָט משיחים,
וואָס שמעלצן איבער פעלדזן אינעם ריינסטן גאָלד,
מידבריות צירן אוים אין גרינע קרוינען,
און בלאַנקען אוים דיַין צוזאָג ווי קרישטאָל.
איז ווי זשע שוויַיגסטו, ווי דערלאָזסטו,
אין פוך און זיַיד פון אונדזער אויסגעבריטן חלום,
אין צאַפּל פונעם אויסגעפונענעם באַגינען,
פאַרטיַיען זאָל זיך אַ געוואַקל
און רונד־אַרומיק זאָל זיך רויכערן רק שנאה ?

מיר זיַינען דאָך אַ היַיפּל יורשים בסך־הכול
אין לאַנד, וווּ יעדער שטיין אַ זכר איז
נאָך אַ פאַרשניטענער נשמה ;
מיר, דיַינע זין, די גאָלדשמידער פון דיַין כוונה,
אָן אונדז פאַרבליַיבן וועסט אין וועלט —
וואָס אָפּגעהימלט איז און טובלט זיך אין נישט —
אַ קיילעכיקער יתום !
און שטיינער קענען ווערן חם ושלום אויסגעשפּאָט,
מצבות אָן אַ לשון
ביי למד־וואָווניקעס צוקאָפּנס,
וואָס ווען אויסגיין אָן אַ גאָט...

# די אומבאַקאַנטע

ער קוקט אויף איר אַהינטער זײַנע בדידות-תחומים,
פֿאַרהאָרכט אין ווײַטע, טויבע ווידערקולן,
דורך וויִעם — רויכערדיקע נעפּלען —
און חלומט:
דער הײַנט אַנעמישער וואָלט אפשר נאָך צעבלומיקט,
ווען זי,
פֿאַרטוליעט אין אַ שלומער,
וואָלט, פֿון איר ווינקל אָפּגערוקט,
געבאָרגט אַ שמייכל זײַן ניט-הי,
אַ פֿײַכטן אויסגעבענקטן קוק.
ס׳קען זײַן דאָך, אַז אויך זי,
מיט בליק פֿאַרטאָן אין זיך,
פֿאַרטרערט אין אייגענעם באַדויער,
גייט אוים
נאָך נעסט אַ פֿוכיק-אויסגעבעטן,
נאָך אַ וואָרקען פֿון אַ טויב אין מידן אויער,
און איַי-ליו-ליו אין אַ באַהאַרצטן שוים,
נאָך אַ קוש-באַריר פֿון ליפּ צו ליפּ,
וואָס זאַלבט מיט חסד אוים דעם טרוקנסטן געכליפּ...

נאָר ביידע וואַגן ניט, פֿאַרליקוי-חמהט, —
ס׳זאָל ווידער זיי אַ פֿראָסט קיין ברי ניט טאָן,
בײַם ראַנד פֿון תהום...

ווייזט אויס, מיין פריינד,
אַפילו ווען אַ שניי פאַרקלייבט זיך אין די לאָקן,
מוז אויך אַ האַנט זיך אָפּזוכן אַ מאַמעס,
מיט גינציקייט אַ לאָגל,
דעם פּחד פאַרן „טאַמער” צו צעטייען אין די גלידער,
דעם הארצרים איינגעמען אין סאַמעט,
ביים איינשטעלן אין קאָן דעם לעצטן רעשטל היינט...

## ביים דריטן...

אַ פּלאַש.
ניט געעפנט.
און פול איז דאָס גלאָז ביז די ברעגן,
ווי פול דאָס געדעכעניש איז מיט בזיון..

אַ הרודע אין גליוועך.
די הענט אויפן נאַקעטן טיש.
נאָר ס׳אויער — אַ חלף,
פאַרהאָרכט:
עס פּלאַצן די לעצט־לעצטע סטרונעס
אין אָפּגרונט פון ווײ,
אין דלות פון האָפן אויף רויִקע נעכט.

אַ שלוק — און דער ספּירט אין פאַרשרפעטן מויל.
אַ קרעכץ.
דורך די ציין.
אַ ן איבל צעטרייסלט דעם גוף,
אַ רגע —
און ווידער דער שד אים אַנטקעגן.

און גרוי דער אַרום,
אוי ווי גרוי!
ניטאָ איז קיין לאָמפּ צו צעשפּאַלטן
דעם קלעפּיקן חושך,
די פינצטערע נאָרע —
זכרון...

די ווײַסינקע טײַבעלעך צוויי אין געפּלאַטער,
אַהינטער איר נאַכטהעמד מיט שפּיצן —
דער זוניקער קוואַל פֿאַר די האַרציקסטע לידער —
בײַם דריטן
אין לאַפּע...

גלאָז אויס און גלאָז אײַן.
אַ קללה —
ניכטער!..

# גלות

דאָס פּנים — גרוי. צעקאַמט, צעאַקערט.
די נעכטנס הויערן פאַרשאָטנט, האַרב.
זי קען אפשר אַליין ניט לייענען די הערגליפן
פון דעם זכרונות־שטויב,
וואָס האָט אַרום איר מויל זיך אײַנגעקאַרבט.
און קיינער וויים ניט, קיינער פרעגט ניט —
וואָס וואַרעמט זיך אַהינטער רויכיק אויג?
וואָס שטאַמלט? ———
צי ניט אַ סליאַד פון ניט געצוימטן גלוסט,
צי ניט אַ פעדעמל פון חלום נאָך אַ חטא
אין פלאַמען,
דער ציטער און דאָס אויסגיין —
פאַרצוקט צו ווערן אינעם מיידלבעט?..

אַליין. אַליין.
אַ פולער כוס אַליינקייט אינעם סדר פון די נעכט,
און ס׳לעשן זיך די מוטנע טעג אין בלינדע שקיעות.
דאָס געסל — טויב,
און ליידיקע — די הענט.
אַ וואַרעמפלאַש אין שוים.
און קיינער פרעגט ניט, קיינער וויים ניט.
אַ וואָלקן קוקט אַרײַן אין שויב...

# בדידות

אַזוי פיל שטערן שוין געפאַלן פונעם הימל פון מיין האַרץ,
אַזוי פיל בלומען אויסגעלאָשן אין מיין גאָרטן,
אַזוי פיל מאָל געריסן קריעה ביי פאַרוויסטע באָרטן,
דאָך קליאָוועט פון אַ ווייטן צוזאָג נאָך אַ שאָטן
און ס׳וויקלט זיך מיין צער
אין אַ צעפליקטן טלית־קטן
און וואַרט,
אויף שכר...

## ווּ דער שוואַרצאַפּל?

אין אַלע מחשבות און סוגיות פאַרפּלאָנטערט
אַריינרייַסן פּלעגט זיך אַ תוהו-ובוהו,
ווי נאָר פון דער ווייַטנס אַ בלאַנק האָט געטאָן פון דייַן אָפּדאַכט
אַ שאָטן;
און אַלע חלומות, סיי ראָזע, סיי בלויע,
צעשפּרייטן זיך פּלעגן פאַר טראָט דייַן,
אין רייַץ אויסגעקנאָטן.
און איך — אַ פּולבלוטיק געזאַנג, אָנגעקוואָלט מיט אמונה —
פאַרבלענדט פונעם פלאַם וואָס מייַן האַרץ האָט אין דיר
אייַנגעזוניקט
מיט העלישן בראַנד,
געגרייט בין געווען יעדע רגע אויף מעסערס —
מיט טומאה,
מיט בליקן וואָס האָבן דיך אויסגעטאָן נאַקעט —
דעם טיף-טיפסטן סוד אונדזער ביידנס
פאַרכראַקעט...

איז ווּ דער שוואַרצאַפּל, גאָט, פון דעם אַמאָליקן חסד?
די ברכה פון יענע, אָ, ווייניקע ציטער-מעת-לעתן?
פון חומר, וואָס גייט ניט לאיבוד, ווּ איז הייַנט דער זאָמען?
צי היטסטו אָפּ אַן אוצר, פאַרזען מיט אַ ווייַסן פּרוכת,
ווּ גאָלד פון אמונה עס שטערנט לצמיתות אָן פּגמים,
מיט יעדערנס אַדרעס לאחרית הימים?
ווייַל דאָ, אין מייַן שטרויכל,
אָן שפּור צום באַגיניקן שליאַך,

עס הילכן אַלץ האַרבער די טריט פון דער נאַכט...
אין הימל עס דורסן כמאַרעס אַ לעצטן כזית פון תיקון,
צופוסנס — אַ תהום פון צעפאַלענע בריקן,
די ליפּן, פאַרשמאַכטע נאָר שעפּטשען בלחש
אַ קדיש...

# חצות

די וועלט אין מײַנע ד׳ אמות צער.
אַן טיר, אַן פענסטער,
אַן אַ שליסל.
אויסגעהוילט דער שײַער,
נאַקעטע עץ-חיימס,
אַן עמוד אַן אַ ליכטל,
אַן שוויתי,
און גריבער, גריבער,
אַן אַ שטיין צוקאָפּנס...
און איך? ————
אַ יתום נאָך די טויבן פון מײַן טרוים,
נאָכן בין-הבתרים חלום,
וועמען ס׳האָט פאַרצוקט אַ חיה-רעה.
איז ווער וועט וואַרטן, ווער, אויפן משיח?..

נאַר אַן אַ ייִד —
ז׳אוודאי אויך אַוועק מיט פײַער גאָטס שליח.
און ער, דער כביכול, האָט געזעצט זיך ווידער שבעה,
ווי אויפן ערשטן חורבן פון זײַן פאָלק ישראל.
און צו חצות
קאַפּעט פון זײַן געטלעך אויג אַראָפּ אין כוס,
וואָס גיסט זיך איבער איבער אַלע ברעגן,
נאָך אַ טרער...

ניט מער?..

# אַ נשמה־ליכט

**דעם זכר פון יאַן פּאַלאַך**

רבונו של עולם!
וואָס איז דער סוד פונעם מענטשלעכן כוח?
די גבורה פון שוואַכינקן מענטשעלע וואָס איז?
אַ ווינטל אַ ליאַדעם איז בכוח
אַראָפּפליקן אים ווי אַ בלעטל אין אָסיען פון שטאָם
אַ זכר ניט איבערצולאָזן;
נאָר טאָמער אַ שטורעם ברעכט אוים מיט ווולקאַניש געדראַנג,
וואָס עוקר איז דעמבן פון שורש,
און שלאָקסן, וואָס שווענקען אוים פעלדזן —
זיי האָט נאָך אין בראשית פאַראַנקערט דער בורא —
איז ווער מאַכט די ברכה שבכוחו וגבורתו?
ביי וועמען צעשאַלט זיך זיין האַלדז מיט אַ בענטשן? —
ביים שטויבעלע מענטש מיט זיין אָרעמען לשון!
וואָס ווי נאָר אַרוים פונעם קראַך פון מזלות,
פאַרקאַשערט ער אַרבל אויף ס׳ניי;
אין ברוסט, וואָס געקנאָטן פון ערד איז,
עס רופן זיך אָפּ די אַקאָרדן פון זיין אני־מאמין
מיט אויגן, ווו ס׳פלאַטערט מיט מאַי,
און שטאַפּלען אויף פרישע נעמט ער רושטעוואַניעם.

נאָר אָט האָט אין מיטן דער גרויקייט פון וועלט, אין מרחקים,
ווו ס׳קליאָוועט בחדרי־חדרים אַ ניגון פון בשורה,
פאַרדרויכערט אַ פיצינקער פאַקל —
אַ נפשל, שטיל, האָט אין דבקות
צוקאָפּנס פון חלום צעבליטן,
וואָס טליִען געזאָלט אויף די קני, איינגעהויקערט,
אַ ליכטל געמאַכט צו זיין ווידוי.

שטייט ער אין מיטן דעם מדבר פאַרשנייטן דער בחיר-אלוהים
און — ברענט!
דאָס לײַב
און די פּיס,
זײַנע הענט...
פון אויבן, אין רויכיקן עיגול,
אין שטופּעניש, שערבלעך פון לוחות עס קנוילן אַרוים זיך,
זיי רוקן צונויף זיך צוזאַמען, אַ שטיק צו אַ שטיקל,
אין איין קורצער שורה.
אַ בליץ שמייסט אַרײַן אין זיי אותיות,
פון פלאַם אויסגעפורעמט,
און בלענדט אוים איין וואָרט
אינעם חלל פון געגנט
— איין פײַערדיק וואָרט —
שקר!!!

---

און, ווי פון פאַרדומפּיקטע קעלערס,
גענומען האָט שפּאַרן אַ קלעפּיקער חושך
פון אַלע פיר זײַטן, אַליץ האַסטיקער, שנעלער,
פון הימל געפאַלן,
פון לעכער געפּויזעט,
אין פינצטערע כוואַליעס,
פאַרביסן און שטום.
פאַרטײַעט עס האָט זיך דאָס האַרץ פון דער וועלט,
די צײַט האָט איר פּנים באַהאַלטן אין דער ליקוי-חמה,
אַ גליווער געוואַקסן, געשוואָלן, טומאַניעט,
גענאָדלט אַ קעלט.
די זון
און דער וואַלד,

און דער טײַך,
און די פֿייגל אין פֿלי,
מיט אויגן פֿאַרשטאַכן אין פֿלאַמיקן גלי,
אין פֿעדעמל רויך, ווי עס זשיפּעט נאָך אין קאַפּעקאַל,
עס צאַפּלט אין דממה,
אין פּחדים און צוואַנג,
דער חלום פֿון אחרית־הימים
פֿאַר טויב און פֿאַר לאַם.

---

זיי גייען, זיי גייען
די אַלע וואָס זיי האָט דער שוואַרצער פּרוכת
געשלאָסן אין רייען,
פֿאַרקנסט;
די, וועמען דעם זײַן האָט באַזינגט און באַלויכטן
דער רויך פֿון שטורקאַץ,
פֿאַרחתמעט די קעל, די געהירן פֿאַרטשאַדעט,
פֿאַרסמאַליעט דאָס פֿלייש פֿון נשמה;
זיי גייען פֿון טעמפּלען, פֿון כאַטעס
דעם לעצטן, אָ, חסד צו טאָן אים
דעם יונגינקן צדיק, אָט דעם שליח־ציבור,
געמאַכט וואָס האָט בורא מאורי האש
בײַם תהומיקן גליוועך,
פֿאַרפֿאַלענער טרייסט,
אויף חלב פֿון אייגענעם האַרץ
און קנויט פֿונעם אייגענעם קאָפּ.

מיט האַרטקייט פֿון אַרץ,
געפּענטעט שטײַף־שטיינערדיק טאָפּטשעט דער טראָט,
זיי גייען ———
צענדליקער,

הונדערטער,
טויזנטער,
גאַנצע אַרמייען!
זיך כוואַליעט אויף פּוכיקן שניי אַ ים טינט,
דער טרויער פון בגדים פאַרצווײלינגט מיט חושך פון בליק,
פאַרשטשעמעטן קין,
פאַרבראָכן גניק,
קיין פּיפּס, קיין געשאַסק, קיין געשאָרך,
כאָטש נעגל זיך שפּאַנען און פויסטן געבײַלט זײַנען שטאָליק,
צעאַקערט דער שטערן פון זאָרג,
אין שלייפן — געהאַמער פון בלוט און פון שבועה —
אַ בראָך צו עמלק!
ס׳זאָל הארץ וואָס איז גינציק ניט וויסן וואָס רו איז,
נאָר קלאַפּן עס זאָל מיטן ריטעם פון דער אַ לוויה,
און ווי נאָר אַ קאָפּ —
אין מאַרך זאָל אים שרפען פון פאַקל דאָס פײַער,
און ווי נאָר אַ צונג —
די זאַלץ פון די טרערן זאָל בריִען זיין ווײַן —
די טרערן געפאַלענע שטום
פון זקנים און קינדער, מיט שווערקייט פון בליי —
ס׳זאָל טליִען כסדר אין אויג פון שטורקאַץ דער נר־תמיד,
און בריִען איין זודיקע תפילה אין מויל — אל־נקמות!
ביז עפּענען וועלן בגוואַלד זיי פון רחמים דעם שער,
און קין ———
וועט אויסגעמעקט ווערן פון גאַנג פון די צײַטן,
דער זיכער אין אחרית־הימים וועט שטײַגן כפליים
געלײַטערט
אָן צער.

# באַזונדער

„כי האדם עץ השדה", דברים, כ', י"ט

אַ מענטש —
אַליין.
אין קאַרגע ד' אמות.
און אָפּט,
צו אָפּט,
ניטאָ איז ווו אַ פוס צו שטעלן
אין מבול עלנט.
און מיט דער ענגשאַפט — טיפער דער באַזונדער.
ווי וואָרצלען אין אַ וואַלד —
וואָס געדיכטער — שאַרפער דער פאַר־זיך־אַליין,
אַלץ דאָרניקער די בדידות,
פאַרשטיקטער דאָס געוויין.

און גאָט,
ווי מענטש און בוים,
אַן איינזאַמער אין אַלע זיבן הימלען,
פאַרנעמט פון יתום־וויי דעם דימענט
פון יעדערן באַזונדער
און קען ניט העלפן,
און וויל אפשר ניט העלפן
אַ וועלט אַ קרומע,
וואָס, אין פּחד פאַרן טויט,
פאַרשאַכערט דעם משיח־חלום האָט
אויף ווייַן און מויד.

# פאַרשלאָסענע שופלאָדן

אַליין מיט זיך, בײַם פענצטער.
די בליקן אָפּגעצויגן,
ווי אַ חלף,
אין טרער פון בענקען,
וווּ ס'קרײַצן זיך די ווײַסע זעגלען
פון חלומות
אין אָדער־קנופּן פון זכרון
און שוועבן ליכטיקע אויף שטילע וואַסערן
צו בלויע פאָרטן...

פאַרבײַ עס האַוועז,
אויסגעמישט,
קאָלירין,
מיט הלל צי מיט תחנון אינעם שפּאַן,
מיט קאַלטן שווײַגן בײַ פאַרהאַקטע טירן
פונעם האַרץ,
איעדער מיט זײַן באַן...

קושט אוים די זון — אַ מאַמע —
אי גראָז אי בוים
צוזאַמען,
און שעפּסעלעך אויף לאַנען,
נאָר געבוירענע בצלם —
אַרבעם פון אַ לעבעדיקן זאַק —
זיך שיטן אײַנציקווײַז,
באַזונדער,
מיט פּיצל שײַן, פון הפקר אויסגעכאַפּט,
פאַרפּעלצט מיט פראָסט פון טונדרעס,
מיט חשד...

לעם שויב,
אַליין,
מיט האַרץ געבויגן,
אין קלעם פון נאָגנדיקן טרוים
און טרערן-ווייַן פון גלויבן
ער קען זיך ניט דאַבוווען צום באַשייד:
צי מוז די שרעק-זאַוויי
„דער שונא ביי די טויערן"
דער איינציקער זייַן תכלית-פאָדעם
וואָס גורט מיט שטערן אָן די ראיה,
פלעכט אוים פון סמעזשקעלעך — פאַרשלאָסענע שופלאָדן —
דעם אויסגעזונטן טראַקט,
מיט וועלכן קומען וועט משיח ?.

# ספקות

...און איבערפולט איז דאָס האַרץ אין די יאָרגענג,
אַ מאָל ווי אַ טויב און אַ מאָל ווי אַ וויוגע,
וואָס כאַפּט מיט קליעשטשעס אים אָן פאַרן גאָרגל,
פאַרפחדימט זײַן טאָג מיט געוואָי פון פאַרצוקערס.

זוכט האַרץ אין קלעם און אין אימה אַ טיר אום,
וווּ אָנגעקלאַפּט איז אויף איר ראָם אַ מזוזה,
וואָס ווערט געקושט מיט רמ״ח און מיט שירה —
נאָר ס׳ווייעט מיט פראָסט פון פאַררינגלטע בוזעמס...

פּרוּווט ער צו סליעדעס פון עבר אַנטרינען,
וואָס הענגט אויף אָן איבערגעפּוילטן שוין פאָדעם,
כלומרשט זיך טרייסטן — הזורעים בדימעה,
נאָר נאַקעט דער מלך, פאַרשטויבט די הגדות...

צינדט ער אַ ליכט אָן אין עלנטן ווינקל,
די אויגן געשלאָסן בײַם בעכער פון קידוש,
ציטערט אויף וואָגשאָל פון ספקות דאָס צינגל —
צי דאָ איז אַ הימל פאַר טרערן פון בדידות?

## עד היום

דער שטויב פון מײַן װאַנדער פאַרקריצט אין די קאַרבן פון פּנים,
אין לעצטע דרײַ האָר פונעם נאַקעטן שאַרבן פאַרקאַלטנט,
און טרוימט פון אַ זוניקן רעגן װאָס לײַטזעליק זאָל אים
פון מידן זכרון אויסשװענקען לצמיתות דעם פלאָנטער.

אויף אַלטע חשבונות פאַרעקשנט איך װאַרט אויף אַ תשובה,
לבנהקע נעכט צוליב זײ האָב איך מקריב געװעזן,
נאָר תמיד, בײַ טאָג, האָט אַ טעות מײַן לעבער דאַבװעט,
פאַרשרפעט דעם דאַרינקסטן שפּראָץ פון אַ טרייסט, פון גענעזן.

נאָר כל זמן, דורך טרערן, עס אָדערט אין אויגן אַ בענקען,
איך קען ניט און טאָר ניט, כאָטש כ'טרעט שוין אין װינטער,
קוהלתדיק בויגן דעם קאָפּ פאַר מײַן גרויער אַליינקײַט,
װײַל הבל־הבלים לעשט אויס אי די שעפּס אי איר שינדער...

עס בריט נאָך די ליפּן דער חלום פון קוש, פון דעם ערשטן,
צו אים האָט מײַן מויל דער צעפּלאָמטער פאַרגאַרט זיך געצויגן,
צום צאַפּל, פון מיידלשן לײַב װאָס גייט אויס צום באַהערשער,
װען ס'האָבן רצועות געפּענטעט מיך ערב ובוקר...

שטיי איך נאָך עד היום מיט מעסערם דעם גורל אַנטקעגן —
פאַרװאָס װײַט פון שמחות מײַן דורשטיקער בוזעם,
פאַרװאָס אַנשטאָט גאָמע פון קושן בײַ װאַלדיקע ברעגן
ער'ט צוגעדריקט תמיד צום מויל מיר אַ קאַלטע מזוזה?..

איז קלאַפּ איך דעם קאָפּ זיך, אַ בלינדער, אָן אייגענעם שאָטן,
מײַן האַלדז האָט באַזעצט מיט מאַזאָליעס אַ שטומע חרטה,
און גלי־יאָרן מאָנען אַ תיקון פאַר אַלע באַנקראָטן,
דעם צאָנװייטאָג פון מײַן זכרון מײַן מאַרך האָט פאַרלאָדן.

## בדידות

אַזוי ווי עס מונטערט באַגינען די זון
מיט חסד אין דימענטלעך טוי אינעם גאָרטן
און ס'אָטעמט מיט שלווה דײַן בליק און מיט ברכה;

אַזוי ווי אין שקיעה אַ טרער פון דערלייזונג —
אַ תפילה בלחש אין פלאַמיקע וואָלקנס —
עס גאַרטלט דײַן ספקות אַרום מיט בטחון;

אַזוי ווי די שטערן אין סאַמעטן-בלוי
דײַן שטומע התפעלות פאַרנעמען צעשמייכלט
און שבת-ליכט צינדן אין דײַן אינדערוואָכן —

אַזוי דאַרן אײַן אַלע גאַרבן פון טרייסט,
ווען ס'הייבט ניט קיין האנט אויף אַ כוס אין דײַן יום-טוב,
און ס'ראַנדיקט דײַן בדידות בײַם עמק-הבכא...

## איך ווייס —

ב. שרהן

איך ווייס —
ביסט אויך, ווי איך, נאָך אַלע פֿײַער־פּראָבעס,
און אָפּגעשטעמפּלט איז דײַן פּנים
מיט אַלע חתימות פֿונעם גורל, אײַנגעקאָוועט;
נאָר איך,
פֿאַרהיט איך האָב — אַן אבן־טוב — אין מײַן זכרון
דעם שוואַנען־הויב פֿון דײַן געטאָקטן קאָפּ,
דעם שווערן צאָפּ —
אין רייץ אַן אויסגעפלאָכטענע עטרה —
דעם שדל אין שוואַרצאַפּל,
וואָס דאָ געחוזקט האָט,
און דאָ פֿאַרהוילן האַרצקלעם אין געשטאַפּל...
זינג איך צו יענעם זינגענדיקן טראָט,
וואָס האָט אין וועסנע פֿון מײַן רײַפֿן
מײַן ערשטן חלום אויסגעצירט אין בלוט־רובינען,
פֿאַרפֿולט מיט האָב און גוטס מײַן פּוסטן שײַער,
מיט גלויבן אָנגעהימלט.
נאָר כ׳פּרעס זיך אויף עד־היום,
וואָס ניט פֿאַרזוכט עס האָט מײַן האַנט דעם ברי
פֿון די חקל תּפֿוחין דײַנע צניעותדיק פֿאַרהיטע
און ניט פֿאַרזיגלט כ׳האָב — אין פּורפּור פֿון מײַן ציטער —
דײַן זינלעך מאָנענדיקן מויל
מיט גאַר מײַן בתולימדיקן גלי —
אין בראַנד אַ קויל —
וואָס וואָלט געוואַרעמט הײַנט,
אויך הײַנט,

אַצינדער,
אין האַרבסט אין שפּעטן,
אין ערב ווינטער,
ווען כ׳זוך אומזיסט אַ היכל אויף אַ ברכה און אַן אָמן,
ווען ס׳גראַבלט דעם געהער אַ שאָרך פון פאַלנדיקע בלעטער
און בענקשאַפט טוליעט זיך אין שוים פון דער נשמה...

# ניט מוסר

דו זאָג מיר ניט קיין מוסר,
איך פֿאַל צו לאַסט אויך זיך אַליין
פֿון די ניגונים אַנגעקוואָלענע מיט אומעט,
וואָס קלאַפּן אָפּט, צו אָפֿט, אָן אין מײַן שויב;
און כ'זע אין סאַמע בלי פֿון ליפּן־רויזן —
די שפּורן פֿון פֿאַרגיין,
ווי ס'וועט אַ ווײַטער, טריבער מאָרגן
פֿאַרלעשן זייער שוימיקן באַגער
מיט גלײַכגילט פֿון באַשער.

עס טרעפֿט אַ מאָל,
אויך הײַנט,
אַז אין מײַן מידבר
צעשפּילט מײַן בעכער זיך מיט רויטן ווײַן
און צינדט אָן דעם זיכרון
מיט שטערן — ערשט געבאָרן —
און טוי פֿון בלויער פֿרייד
זיך דימענט אין מײַן אויג;
נאָר ווײ!
דער חלום דער פֿאַרבלאָנדזשעטער
ברענט האַסטיק אויס,
אַ טרוקן סטויג,
פֿון שטרוי.
און אַש איז אַזוי גרוי... גרוי...

## ויהי...

פון דעם מחוץ למחנה,
וווהין כ'האָב זיך אַליין פאַרשטויסן,
גיט הערן אויף צו בלוטיקן געקעפּטע טרוימען
אין ערשטן בלי.

און אַלע טײַבעלעך געוואַרעמטע אין שויס,
געבוירענע פאַר מיצווה פון האָלובען —
פון חלום מײַנעם עפענען די טיר
און פליקן פון מײַן האַרץ מיט טעמפּע נעגל
פאַרוואָס פאַרשעמט כ'האָב זייער בתולים־פלי...

רײַס איך זיך אויף מיט פלאַמיק מויל
אַ זופּ טאָן ליפּן טויִקע, געגאַרטע,
בריט אָפּ אַ ליידיקײַט מײַן דורשט צעוויגטן —
ויהי...

## כ׳געדענק ניט

כ׳געדענק ניט די נעכטנס,
קיין טויעלע פרייד פון ערשט נעכטיקן נעכטן,
און דאַכט זיך ס׳האָט קיינמאָל קיין טרייסט ניט געפריערט.
כ׳וועל קומען צו דעם וואָס אַלמעכטיק —
אָן איינזאַמער שאָטן —
אין שקיעה,
מיט טאָרבע פון גאָלע באַנקראָטן.

איז ווי וועט ער מישפּטן מיך,
אַז אונטן, אין רייַן פון גן־עדן,
אַ נישט שבגאָרנישט געוועזן בין איך,
זיך תמיד פאַרפאַסט כ׳האָב ביודעים
אָן טראָפּעלע ווייַן אין מייַן אָרעמען אוהל,
בייַם פלעמל אהבה צו כל בית־ישראל?

און קומען, כ׳וועל קומען צום כסא־הכבוד
אָן פליישׁ און געביין,
אָן זכר פון ליכטיקע לאַוון,
פון שירה אַנטוואָפנט.
רבונו של עולם! צי וואַרט נאָך אַ שטיין
פאַר די וועלכע האָבן אַליין זיך באַעוולט?

# ק נ א ה

**פאַר רבקה קאָפּע**

אָ, ווי כ׳בין מקנא, דיכטערין, דײַן האָפּער,
דײַן אויסגעבלימלטע פּאַליטרע,
דײַן דין געהאָרך צום שאָרך פון די מזלות אין דער דממה,
דײַן אויג וואָס כאַפּט פון דופט אַרויס קאָליר און ציטער,
דײַן קול וואָס איז דער קאַמערטאָן פאַר פייגל,
און דײַן מעלאָדיע אויסגעבעט מיט קושן פון דײַן אייגנס,
„מיט האָניק פון געזאַנג״,
און דו אַליין — אַ ברכה אין רעפריין
פון ליד,
וואָס וויגט אײַן שטערן אינעם שויס, פאַרליבט.
און טאָמער חס־ושלום טרעפט
דײַן אויגן־שיפעלע פאַרבריט
אַ טרער,
איז גאָט אַליין מיט איר זיך נערט.

ווען ס׳פאַלט אַראָפּ צו מיר אין טרערן־לאָגל
אַ טראָפּן, צוויי, פון בלויען טוי,
וואָס גיסט אַריבער זיך פון דײַנע ברכה־עמערס
און עפנט פאַר דיר וואַרעמע פאַרטאָגן,
וואָלט אויך מײַן בדידות זיך געלײַטערט
מיט אַ זמר.

## רמב״ם

כאָטש זעלטן ווען געבלעטערט צווישן דיינע טאָוולען,
פאַרכאַפּט מיך האָבן דיינע רוקנס — גאָלד־געליישט —
פון זיי געאָטעמט האָט מיט שלווה און זכות־אבות,
געזאַלבט די ווונדן פון די ברוכטעג מיט אַ טרייסט.

און היינט, ווען ס׳פּוסטעוועט דער מזרח אין מיין שאַפּע,
יאָגט מיט אבלות דער פאַרשעמטער פלאַץ,
און ס׳קען מיין אויג, געביטשעוועט פון אַלע לאַוון,
ניט אָנצינדן דעם אויסגעלאָשענעם שטורקאַץ...

און כאָטש דיין שטאָט, אין שאַנק, פאַרשטופּט איז שוין מיט ספרים,
פאַריתומט ווי אַ פּליט כ׳בין אין אייגן הויז;
ווען דו אויף פרעמדע פּאָליצעס שטייסט איינגעפראָרן
שלאָגט זיך על־חטא דיין תלמיד מיט געביילטער פויסט.

## דו שלאָפסט

זיבן קישנס — זיבן שטיינער.
פֿאַרקאָוועט זײַנען הימלען, אָן אַ שליסל.
נאָר ס׳צינדן זיך אין שטאָקנאַכט,
אָנגעלאָדן,
קנויטן פֿון זכרונות
אויף מײַן שאָטן
וואָס האָט זײַן גוף פֿאַרלוירן.

ס׳ברענט מײַן שאָטן אײַנגעטײַעט
מיט אַלע קנויטן פֿונעם האַרץ —
מײַן איינציקער פֿאַרמעגן,
וואָס אָנגעהאַנגען כ׳האָב אַ מאָל
אויף אַלע האָריזאָנטן
דיר אַנטקעגן.

ס׳ציטערן די פֿלעמעלעך,
פֿאַרשעמט,
און קענען אַלץ נאָך ניט דערטאַפּן
קיין שפּאַרונע
צום סוד פֿון דײַנע נעכטנס,
פֿונעם הײַנט,
און ס׳בלײַבן אָפּגעשאָכטן
איינציקווײַז
מײַנע ניגונים.

און דו ?.. דו שלאָפסט...

## עצבות

און זיצסטו שפּעטנאַכט בײַ צעפּלאָקערטן שײַטער
און בלעטערסט חלומות פון עבר פאַרגעלטן,
אין זיי ביסטו טובל דעם שטויב פון דײַן שטרויכל,
וואָס האָט דײַנע פליגל אַנטמאַזיקט,
געדענקסטו,
אַז צוויי טריט פון דיר לויערט חושך פאַרטײַעט
און ווייסט —
ער וועט זיך דערוואַרטן צום אַש פונעם פײַער,
און שאלות אָן תשובות, וואָס טראָגסט אין דײַן בוזעם,
ניט אויפהערן וועלן דיר נאָדלען דײַן פלייש.

ווערט שאַרפער דער נאַקעטער ווייטאָג פון עצבות,
וואָס קענסט זי אַפילו ניט טרייסטן דורך וויינען,
ווײַל טרוקן די לאָגלען פון טרערן,
ויאָס האָבן — ווען קאָפּ האָט געכוואַליעט זיך שוואַרץ —
פון הימלען דעם צער אויסגעצוואָגן,
און אַ שמייכל, אויף ס'נײַ,
ט'פאַרבונדן דײַן אויער צום בלויען געפליסטער פון שטערן,
די שטערן פון וועלכע עס פאַלט הײַנט אַ שווײַגן,
ווי בלײַ...

# אַנומלט

אַנומלט האָבן בויגעוודיקע וויטקעלעך,
פון קנאָספּ אַרויסגעשפּראָצטע ליליתלעך,
אָנגעציטערטע מיט ערשטן לוסט פון פרילינגדיקע יאָרן,
אָנגעהאַנגען אויגן פלאַמיקע
אויף זײַן טשוב צעכוואַליעטן,
ווען ער אַליין,
פאַררויטלט,
מיטן בליק אַראָפּ —
ווי אויסגעטאָן מען וואָלט אים נאַקעט —
איז מיט האַרצקלאַפּ זיי פאַרביי,
מיט פּסוקים,
מיט גאַנג געפּענטעטן, געוואַקלט,
פון זייער נאָכשפּיר־פייער אויפן רוקן...

הײַנט, דרייט ער אום זיך מיט אַ תּפילה
צום אוצר רייץ וואָס פײַניקט פון די פּיסלעך,
און ס׳בײַסט זײַן האַנט זיי צו באַרירן,
אָפּברינען זי אָן די קנאָספּן פון די ציטער־עפּל צוויי
וואָס טוליען זיך אין כּישופדיקן צוזאָג אײַנגעהילט...
נאָר ווי!
זיי שפּירן ניט פון אויג זײַנעם דעם ברי
און שלײַכן ווינטלדיק פאַרבײַ
מיט זינגענדיקע טריט,
ווי שוואַנען אויף אַ שטילן וואַסער,
ווי ער וואָלט גאָרניט זײַן דערבײַ,
גאָ־אָר־ניט...

## ביים שיידוועג

איז זע צו וואָס דערפירט מיך האָסטו, האַר,
וואָס אין דיַין קיום מיך דערמאָנט
אַ בלימעלע אין האַנט,
אַ גרעזעלע וואָס ערשט אַרויסגעשיַינט פון דר'ערד —
אַ ציטער־פּאָדעם פון אַן אויסגעבענקטער האַרץ —
פאַרגייט זיך אין אַ מודה אני צו דער וועלט,
ווי איך,
אין בלויען ליכט־און־שאָטן־ניגון איַינגעהערט,
און ס'גאַרטלט אָן אַ פוכיק־ווינטלדיקער קוש
דאָס האַרץ.

פאַרשטיי איך ניט, מיַין גאָט, מיַין כעס,
וואָס קיַיקלט זיך אין דונערן מיט מורא און געדראָ,
ווי קרישלען וואַלטן בערג זיך אין געשטוים,
און פלאַמען פאַלמעסן די טויטע גאַס,
גליַיך שלווה ניט געוואַרעמט וואָלט זיך קיין מאָל אין דיַין שוים.

נאָר שווערער מיר עד היום איז פאַרשטיין דעם גזר,
וואָס אויסגעפליקט דורך נאַכט האָסט מיַין בטחון —
אַ נשרף על פרשת דרכים;
אַדורכגעווייקט אין פראָסטיקער אַליינקיַיט
איך זיץ געליימט
און וואַרט —
אַז עמיץ זאָל מיר זאָגן ווו צו גיין...

# געפאַלן אַ שטערן

אַזוי שטיל דער אַרום איז, פאַרהאַרכט,
נאָר כ'ווייס ניט צו וואָס און צו וועמען,
צי דען צו מײַן האַרץ אין זײַן פאָרכט?
צו זײַן קלעמען?..

צום בענקען וואָס ס'בריט אויס דער דעמער
נאָך טרוימען געקעפּטע אין בליִען?
צו קדושים, וועמ'ס כשרע נעמען
אין פאַרמעט פון פאָלק טוען היִען?..

און פלוצים —
געטראָפן אין ווייטיקדיק האַרץ
אַ שטערן — אַ טרער — האָט פון גראַנעטן הימל,
איז שאַרפער געוואָרן דער צער —
פאַרוואָס ניט קיין שטערן-לאַווינע
דער שכינהם?..

# ווי אַמאָל

דער קאָפּ אויף די הענט
ווי אַמאָל, גאָר אַמאָל,
ווען כ׳פלעג בלײַבן אַליין
בײַם צעשניטענעם טיש אין מײַן אָרעמער היים,
און צום איינציקן פענצטער, מיט שאָטנס פון נאַכט,
זיך דראַפּען אַ פּחד פלעגט בלינד,
אין וואָיען פון ווינט,
אין געוויין פון פאַרלאָזענעם קינד...

ווי אַמאָל, גאָר אַמאָל,
זיץ איך הײַנט אויך פאַרבראָכן דעם קאָפּ
ביז באַגין,
טונק ווידער די רגעס אין טרערן־תחנונים,
נאָר ניט אַז מײַן מאַמע זאָל קומען צוגיין,
כאָטש כ׳דאַרף איצט אַ מאַמע נאָך מער ווי אַמאָל,
און ווייס,
אַז זי וועט ניט קומען, ניט קומען צוגיין,
און ניט איר פאַטשיילע, פון רחמים געשפּונען,
וועט אויסהיטן מיך פון עם גזר...
נאָר כ׳וואַרט, וואַרט,
ווי אַמאָל,
אויף אַ טרייסט.

## סם

דעם טאָג אַנטקעגן קום איך מיט אַ מודה אני
און דאַנק דיר, גאָט, וואָס מיר באַשערט
בײַם הר־הבית שטעלן נײַע רושטעוואַניעס,
מיט שוויים און מיט אַן אויסלייז־טרער...

די ציטערפרייד פון אויגן כ׳וויש אוים מיט מאָזאַליעס
און פּערל אײַן זיי אין מײַן ליד,
וואָס שווענקט פון תפילות אוים אַ לעצטן קרעכץ פון גלות
און כ׳ווער מיט אַלע טענות קווית.

נאָר ס׳טרעפט, ביים קידוש פלאַצט דער וויי פון מײַן זכרון —
דעם שוואַרץ־געשליפענעם ברילִיאַנט
און שומר איינציקן פון די פאַר־חורבן־יאָרן —
און ס׳ווײַן אין בעכער שוימט מיט סם...

## זכרון

אוועק דער נעכטן ווי אַ חלום.
מיט אַן אמת.
און וויפל מאָל געבויט אין אים מיט זאָרג,
ביים ראַנד פון אַלע ענדן,
אויף ס'ניי,
אַ חלום פון אַ וואָר,
ווייסטו נאָר, גאָט אין הימל.
און הײַנט,
ווען כ'ווייס, אַז וואָס געווען
פאַרזיגלט האָט דער טויט אויף אייביק מיט זײַן חתימה,
שפּאַציר איך אַלץ נאָך אין די געסעלעך פון מײַן זכרון,
און חלום.
נאָר אויף מײַן אויג עס הענגט אַ טרער
אַ וואָרע...

# סוף

ווען עפּענען וועסטו מײַן טיר,
איז קום צו מײַן בעט אָנעם חלף
און לעש מיט אַ קוש אויס דעם גלי פון חלומות,
וואָס פלײַסן פאַרשלייערן נעכטיקע חורבנס
מיט שפּינוועבס פון האָפן אויף גרינגע געבורטן —
משיחים פון מאָרגן;
און ליידיק מײַן האַרץ אויס
אָן ווייען!
פון אומרו,
פון זאָרגן,
און קייטן פון ספקות —
צי וועט ווער מײַן תהילימל טאָן ווען אַ מיש,
ווען לאַנדן וועל איך אינעם מלכות
פון נישט...

## הענט

נאַכט.
אין לײַכטער קײן ליכטל.
אין שװײַגשאַפט דער טיק־טאַק פון זײגער
לעשט אױס לעצטן צאַפּל פון גלױבן
און קאַפּעט פאַרעקשנט און ניכטער
מיט ספקות,
סמט אָפּ פון באַגינען די טױבן...

און ס׳נאָדלט דיך דורך דער זכרון
פון רגעם
באַזױפטע,
װען ס׳האָבן די װײַזערס באַװאָרנט
די שליאַכן און שטעגן
מיט זוניקע פאָנען,
דײַן ציטער צעשרױפטן
פאַרגאַרטלט מיט בשמים,
מיט זודיקע הענט,
װאָס צאַפּלדיק־מײדלשן פרײד גאַנצע שטױסן
מיט דורשט האָבן תמיד געפּונען.
די זעלביקע הענט װאָס דערטאַפּן הײַנט, גאָט װײס,
אין חושך,
פאַרשעמט,
דעם דימענט פון אומעט...

## אויב

אויב זײַן די מאַס דאַרף פֿאַרגעניגן,
האָט עלנט מײַנעם ניט צעשמאָלצן רײַץ פֿון זינד;
פֿאַרוואָס זשע זאָל איך בעטן דיך מחילה,
אַצינד,
אין יום הדין,
ווען ס'שלאָגט שוין ניט אַפֿילו
דער דופק פֿונעם ניגון
פֿון ראָזשינקעס און מאַנדלען,
אין אים מײַן מאַמעס זיסער קול
האָט אויסגעהאַרצט פֿאַר מיר אַ תפֿילה,
אַ פּאַראָל,
צו כישוף־טויערן אין בלויע ווײַטן,
און צוקאָפּנס פֿון מײַן חלום צוגעטוליעט —
אַ ציגעלע אַ ווייס, אַ זײַדנס...

און היינט —
ווען פּוסט פֿון ציגעלע די שטאָל,
אָן ציינער אײַנצובײַסן זיך אין עולם־הזה,
איך קען ניט אין מײַן רויען בדיל־הדל —
ווען דורך די וועלט איך בין בלויז פּאַזע —
על־חטא זיך שלאָגן אויף דער ברוסט,
וואָס ווײַן פֿון חטא האָסטו פֿון איר פֿאַרמיטן,
ווען אויסגעגאַנגען זײַנען ליפּן
נאָך ברי פֿון ערשטן בתולים־קוש...

# טרייסט

מײַן עצם זײַן
ז׳באַשערט צו זײַן דער צענטער
פון גאָרנישט שבנישט,
און לייגט מיך אײַן
מיט היישעריק פון ספקות,
וואָס פרעסט פון אַלע נעכטנס אָפּ
אַ לעצטן בלעטעלע פון רו און לאָרבער,
צוזאַמען מיט דער רגע הײַנט,
וואָס שטייט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ
אין חלום פון אַ טאָרבע...

בין איך — אַליין,
אַ נאַקעטער אַליין,
אַן גאָב און האָב,
אָן תּרפים, אָן אַן עגל...

דאָך איז אפשר אַ טרייסט,
וואָס אינעם הבל פון דעם אומעטום,
מײַן פּען פאַרזען איז מיט אַ שטיל געוויין —
אַ באַלזאַם פאַרן וווּנד,
וואָס הייסט אַלײַן...

# אַ רעטעניש, מאַעסטראָ

דו, וואָס אויג דײַן בלעטערט אין די הימלען ווי אין סידור
אייגענעם,
און זעט אַ שפּע בלומען־קרענץ אין שפּור פון שטראַל
פאַרפלויגענעם,
דו, וואָס כאַפּסט אַ זינגעניש פון ווײַטן אויף, ווו באַנען
ניט דערגייען
און הערסט ווי ס'ריזלען פאַרבן אַקוואַרעלישע, מיט שטערן
אָנגעווייעט,
דו, וואָס פייגל־פּלאַטער זעגלט פון די פינגער דײַנע
אויסגעזוניקט
און זייער ניגון קלינגט מיט נאָטן, ניט פאַרשריבן,
אויף דיין גומען,
דו, וואָס פון דײַן מויל אַ פּיצל ווידערקול שטעקט אָן דאָס בלוט
מיט אומרו
און פּאָרלעך בלאָנדשענדיקע דו באַזאָרגסט מיט ערי־מיקלט
אָנגעזומערט,
דו, וואָס ליכטיקסט מיט אַ טראָציק־בלאָנדער בויגיקייט
פון קאָרן־זאַנגען —
ווי ביסטו טעמפּ צו פרײַנד, וואָס ווייטיקן פון דײַן קאַפּריז
צו אָנבאַלאַנגען?..

## להד״ם

וואָס ער האָט געזאָגט?
איך האָב פאַרהערט... פאַרגעסן...
איך קען זיך ניט דערמאָנען.
און טראַכטן ניט כדאי מסתמא.

און ווען אַפילו שלומהס חכמה זיינע רייד —
צי האָט ער אויסגעליכטיקט כאָטש איין שעה פון עבר?
פאַרהאַלטן האָט ער כאָטש איין בלעטל אויפן שטאָם?
די נאַכט וועט ניט פאַרשפעטיקן צו קומען...
להד״ם!

און אויב אַפילו שיין געזאָגט —
איז וווּ די שיינע רגע איצט?
אַ פיצעלע מיראַזש אינעם כסדרדיקן נעפל.
ניט טראַכט, מיין קינד, ס׳איז רויטקייט פון אַן עפל...

וויפּריד

כאָטש איינגעשפּאַנט איז עלנט אין דיין אַקער
און דאַרן באָדן טרינקסטו אָן מיט טרערן,
זיינען די טויערן פון רחמים ניט פאַרריגלט
פאַר האַרץ וואָס דופקט מיט אַ תפילה־זכה,
און ברויט פון האָפן קען נאָך דיר באַשערן,
דיין בענקען אין אַ ווייכער נעסט פאַרוויגן
מיט דיין מאַמעס ניגון . . .

## ירושלים של מעלה

מיין ערשטן הויז כ׳האָב אויסגעבויט
אין האַרץ פון דײַנע חורבות,
ווען פון דעם טיש איך בין געווען ניט העכער ;
אויף מײַנע טרערן קינדישע געשווומען איז צו דיר
מײַן בענקען,
פולע בעכערס ;
אין חלום האָט מײַן שמייכל אויסגעפוצט זיך,
דיר אַנטקעגן,
אין כלה־שלייערס,
מיט שיר־השירים אין די אויגן,
און כ׳האָב געשמעקט די פּעמי־משיח,
פון בין הבתרים־ברית דעם ריח.

היינט —
ווער וויים אין וועמעס זכות —
שטיי איך פאַר אַלע רעטעניש‍ן פון דײַן דויער,
פאַר דער געדעכעניש פון אורצייט,
וואָס איז אין יעדן שטיין דײַנעם פאַרמויערט,
מיט אַ געבויגן האַרץ,
צעטרייבערטן פון כלערליי עקדות,
און ס׳פעלט אים אוים דער כוח אויסצוזוכן טראָפּנס מוט
פון צוגעטיילטע, קאַרגע פריידן.
איך האָרך מיט אַלע אברים דײַן של מעלה־שווײַגן,
פון בלוט און נס,
און פיל —
דער סוד פון מײַן צעגליטן בענקען איז עד היום
אין דײַנע שטיינער אײַנגעטוליעט,
ווי אין אַ נעסט,

און תהילים וואָס פּאַרטײַעט זאָגן דײַנע טאָלן, דײַנע היגלען,
און אַלע פּסוקים, וואָס עס האַלדזן דײַנע פעלדזן,
בלחש טרייסטן מיט די דורותדיקע ערי-מיקלט.
ווער איך אַן אויגנבליק, אַ קוים דערזעען פּינטעלע,
פון דער געזעגנטער שעה וואָס איז מתפּלל,
און אַלע צונגן פֿײַן פון אויסקום מײַנעם טרעטן אָפּ,
בטחון פולע הויפנס כ׳שעפּ בײַ דײַנע סקאַלעס,
ווו ס׳פּאַלט, צופוסנס זיי, מײַן פײַער-טרער אַראָפּ
מיט קדושה-ציטער אָנגעטליתט.

## האָפענונג

אַ געסעלע שמאָל און פאַררוקט,
אַן איינזאַמער בוים —
נאָך גרינער משפחה אַ יתום —
די צווײַגן — צעבראָכענע אָרעמס,
פאַרשטויבט,
פאַרטריקנטע ווונדן די קאָרע,
נאָר אויבן, די קרוין —
אַ גרינע עטרה,
וווּ אייעלעך בריט אין אַ נעסט אויס
אַ טויב...

## ב י י ז י ך

**ויתן לך האלוהים מטל השמים**

**בראשית כ״ז, כ״ח**

אַז ווי באַקומען נאָר אַ פּיצל נחלה
אין מיקלט וואָס געוואָרט אויף בעלי־תשובה.
האָט ער פאַרמאָסטן זיך מיט אָנגעגורטע לענדן
צום מלך דזשונגל, וואָס געדאָרנט דאָ אין רחבות,
כּדי די סליאַדן אָפּצוויזכן פון די וועסנעס —
פאַרטאַכלעוועט אויף פרעמדע פעלדער —
וואָס זייער האָניק, צוגעטיילט מיט קאַרגע לעפל
און פולע עמערס חשדים,
האָט אים זײַן קעל מיט טרערן אָנגענאָדלט.

האָט ער געגראָבן און געפלאַנצט זײַן גאָרטן;
און וואָס זײַן שוויים איז מער געזונקען אין דער רויערד,
אַלץ אָפטער טרערן־פרייד זײַן פּנים האָט געוואַשן;
געשפּירט — זיין אַקער מיט דער סאָכע פון די שבטים
רופט זיך מיט שמחה איבער אין זײַן אויער
און יצחקס ברכה איז פאַרזייט אין באָדן...

גייט ער אַרום היינט מיט אַ קאָפּ אַ ווײַסן
און בענטשט איעדע רגע פון זײַן טאָג,
וואָס האָט באַשערט אים מיט דער זכיה
צו טוליען אין זײַן שוים די שטערן,
מיט וועלכע גאָט באַקרוינט זײַן מי האָט,
און הערן דורות קלינגען אויסעט אמן מיט כוונה,
ווען אויפן ווײַן פון גלויבן מאַכט ער שהחיינו.

## ניצחון

כ׳פאַרוואַרף אַ בריק פון שמייכלען צו דײַן פּנים
און ס׳ענטפערט אָפּ מיט שפּריירעגן דײַן בליק,
און מײַנע פּודן ווי בײַם ראַנד פון תהומען —
געבונדענע פון בראשיתדיק צעשטראַלטן גליק —
פאַרבלײַבן בלינדע, אָפּגעצערטע, על פּרשת־דרכים,
ניט קענענדיק קיין סטעזשקעלע דערטאַפּן אויף צוריק,
ווען כ׳עפן אויף דעם טויער פון ניצחון...

# תורה

שלמה שווייצערן

קיין מאָל ניט געטראָטן אויף די שפּיצן פינגער
מען האָט ביי אונדז אין שטוב,
ניט פאַרפּוצט דעם אמת האָט אַ פרומע באָרד,
קיין מאָל ביי אַ לאַבן ברויט זיך ניט געקוויקט ווען
אַ שכן האָט אַ המוציא אויסגעפּעלט;
נאָר בשתיקה
האָבן מיר פאַרביסן דעם שוואַרציאָר —
וואָס אומגעריכט פאַרלויערט האָט פון אייגענע פיר ווענט —
מיט וואָסער וואָס געפרוירן האָט אין קיך,
ווען לעצטן קערנדל אין שייער
אַ פייער האָט פאַרלענדט.

קיין מאָל האָבן ניסים פון עשירות
ניט פאַרמיאוסט אונדז די טעפּעלעך ציקאָריע,
דרך-ארץ ניט געוועקט קיין שול-גבאים.
אַ תפילה זכה איז געהאָנגען אויף די ליפּן,
אין דער לופטן,
אַלע שעהן,
און במסתרים
אויסגעשוועגקט די ביטערניש פון הארץ,
ווען קידוש האָט געמאַכט דער טאַטע מיט כוונה
אויף אַן אַקרייטשיקל אַ שוואַרץ;
נאָר תמיד האָבן אויגן זיך צעפלעמלט פייכט,
ווי צו נעילה,
ווען געשמועסט האָט מען פון אַן עילוי...

## צוזאַמען

געבראַכט מיך ביזן קוואַל התפעלות,
וואָס קילט און היילט און רויטער מאַכט די בלוטן,
מאָנט היינט אַ תשובה בלויז די שאלה —
ווי היט מען איין ער זאָל אונדז דינען לאַנג צום גוטן?

ווייל נאָך אַ נס אַזאַ ניטאָ מער;
און אויב ער ערגעצט יאָ, איז ניט פאַר אונדז אים זוכן:
כ'זע אַש פון נעכטיקע כוונות,
ס'געלינגט בלויז איין מאָל אויסצוקריצן נייע לוחות...

איז קום צוזאַמען שטעלן שומרים —
די שוואַרצאַפּלען פון די נשמות אויף די דרכים —
עס זאָל קיין חשד פון שעטנז־זאַמען
דעם יום־טוב אונדזער שותפותדיקן ניט פאַרוואַכן...

# מיט שמחה

חיים גרשונזען

כ׳געהער צו אַ שטאָט וואָס געהאַט האָט אַן אויער פאַר קלאַנגען,
וואָס געווען ווי אַ בוים איז אין זומער־פאַרטאָגן
פאַרהאָרכט אין צעשפּילטן כאָראַלן געזאַנג און
פאַרטײַעט געפּלאַטער צום גראַנאַטן הימל וואָס קושט זיך מיט בלוי.
מײַן באָבע צוזאָם מיט די פייגל פלעגט ניגונדיק זאָגן
מודה־אני, פאַרקוקט אינעם שײַבל וואָס טאַניקט זיך גרוי...

מײַן זיידע ט׳געשמט מיט זײַן קול אין ישיבת־וואָלאָזשין;
זײַן תפילה פאַרטרערט האָט די הערצער — „אַ שטיין וואָלט
צעגיין״
ווען ער האָט מיט יראה פאַרצויגן זײַן נוסח בײַם עמוד;
בײַם זאָגן „היום הרת עולם״ געזען האָסטו פּשוט
דעם מישפּט של מעלה, און ער ט׳זיך געבעטן, געוויינט —
מיר זײַנען דיר בנים — ניט קנעכט — וואָס זיי היטן אָפּ, גאָט,
דײַן נר־תמיד.

מײַן פעטער, אַ ייִנגל, בײַם חזן געווען אַ משורר,
און שפּעטער די קאָנסערוואַטאָריע אויף כּימיע פאַרביטן.
נאָר דאַן ווען מיט ש״ס און מיט פּוסקים פלעגט ער נאָך אַרומגיין —
בחדרי־חדרים ניגונים זײַן אומרו עס פלעגן פאַריווירן;
פון גלעזער מיט וואַסער און לעפעלעך צוויי אַ געוויטער
פון בונטע מעלאָדיעס עס האָט בגילופין זײַן צימער פאַרקלונגען...

דערפאַר פאַרן וואָרט וואָס דאַרף קומען באַפרײַען
פון דעם וואָס מיך דריקט און וואָס פאָדערט פאַרעקשנט אַ תיקון —
קומט תמיד דער ריטעם, וואָס שפּאַנט אַן מײַן אָטעם און אויער,
דערפאַר כאַפּט אַ ציטער פון שמחה מיך אָנעט עד היום
בײַ לידער פון גאונים וואָס שפּילעוודיק איז זייער ניגון —
מיט אים כ׳עפן אויף פון די שערי הרחמים דעם טויער...

## מיט פסוקים פון דיין „נדר"

דעם זכר פון אברהם שלאָנסקי

ווי ס'איז ניטאָ קיין לשון זיך דערגרונטעווען צום ווייטאָג,
ווען טאַטע־מאַמע גיבן אָפּ דער ערד זייער בן־יחיד —
ניטאָ קיין רייד איז נאָכן „אוי" וואָס האָט זיך אָפּגעריסן
אין הארץ פון לאַנד, אים האָסט געדינט בקדושה ובטהרה.

אַז ניט געווען קיין אויער איז וואָס בײַשטיין האָט געקענט ווען
דײַן קול נביאישן, וואָס האָט דעם האַרבסטן־ווײ פאַרהימלט,
דײַן ווײַטן בליק מיט פײַערפלאַם אין אַ פּאַר אַל משיח,
דײַן וואָרט פון בליצן איינגעקאַרבט אין פאַרמעטן אויף אייביק.

איז וועלכע איכה קען לדורות אויסקלאָגן דעם צער,
ווען ס'טריקנט איין דער קוואַל פון אָפּגעראַטעוועטע וואָגלער?
אַז יעדער גומען איז פאַרשרפעט און ניטאָ קיין טרייסטער,
אַ שטומע סטאַדע שאָף אין ליקוי־חמה אָן אַ פּאַסטעך...

און איצט, ווען דער נעים זמירות ישראל קושט דײַן שטערן
און פירט דיך צו די אבות מיט אַ מזמור לאברהם,
דײַן פאָלק, וואָס דיך אין זײַן עטרה האָט פאַרוועבט, רײַסט קריעה,
זיך שווערט מיט פסוקים פון דײַן „נדר" דיך ניט צו פאַרגעסן.

## ניסים

און הײַנט,
ווען אַלע אָן־סוף־רגעס פון דײַן זײַן
אין פאַנטעאָן פון שיכחה זײַנען אויסגעלאָשן
און ברענגען קענסטו ניט קיין קרבן אָשם,
וואָס זיי, די צאַפּלדיקע גיטער,
אָנגעגליטע,
געלאָזט האָסט אויסשרפען אָן תיקון,
אָן צוריקקער —
הײַנט פּלײַסטו אויף געפּלאַצטע סטרונעס פון דײַן פידל
פאַרציִען גאָר אַ נײַעם ניגון
מיט שיר־השירים עלעקסיר —
און ציטער־רגעס, וואָס זיך טוליען צו דײַן טיר,
זיי אָטעמען אָפּ פרײַע הימלדיק געשפיגלט...

## צו דיינע טויערן, ירושלים

מײַן אמונה האָט אין נע ונד
זיך אויסגעטרייסלט אויף די וועגן
און טראָט מײַנער פאַרלאָרן האָט דעם אַראָמאַט
פון באַגינענס שמעקנדיקע מיט בטחון;
פאַרבליבן כ׳בין אַ פּליט אָן אַ שטעקן,
אויף אומהיימלעכע דרכים,
אַ נאַקעטער פון פּסוקים...
האָב איך אויף אַלע פיר געפּויזעט,
געגראָבן אין דעם פרעמדן הי,
געזוכט אַ מנין מיט נאָך גלייכע רוקנס,
צונויפרופן אין דעם ויהי
אַ הייפל דאַוונערס אין די פירקאַנטיקע אותיות,
וועם פחד האָט נאָך ניט אַראָפּגעלאָזט די וויִעס
אין גיא צלמוות,
כדי צו מאַכן קידוש אויפן בעכער —
וואָס אײַנגעהילט אין שוואַרצן קרעפּ, ווי אונדזער ראיה,
נאָר פול מיט ווײַן איז פון זכות אבות —
און אויפכאַפּן דעם בלוי צעשטראַלטן עכאָ
פון טריט משיחס...

נאָר ווײ, ווײ!
געגעסן האָב איך ניט די פירות פון מײַן בלוט־פּאַרזוײ
מיט פראָסט האָט אָפּגעבריט דאָס קורניקל
וואָס ניט געלאָזט האָט זיך צעבלאָזן אין אַ פײַער,
און ס׳האָט מײַן בענקשאַפט־ווײַן —
פאַרזײַערט...

און פלוצלונג, זע:

אַן אַכטער נס:

צעהימלט האָט זיך רעגנבויגיק אינעם ביינער־טאָל

די פאָן,

אַן אָפּגעציטערטע פון דורות

באמונה,

און ביינער טרוקענע באַצויגן האָט אַ הויט,

אין איין פאַרמעסט

געשטעלט זיי אויף די פיס — גיבורים!

אָן פּחד שטומען

פאַר קאַרשונען סטאַיעס.

באַוואָפנט איז מיט פולווער יעדער בליק,

און דונערן עס קײַקלען זיך פון יעדן גומען —

צוריק!.. צוריק!..

צוריק צו דײַנע טויערן,

ירושלים.

# איך וואַרט נאָך

ס׳באַגלייט כסדר מיך דער שאָטן פון די נעכטנס,
די שפּורן פון געממיתטן אַמאָל,
וואָס בלוטיקט ווי אַ רויע וווּנד עד היום
און שטומט ווי אויף אַ בית-החיים...

איך זוך די שפּורן פון די אָדלער-פליגל,
די אָדערן פולזוניק אָנגעשפּאַנטע,
אַפילו היינט, מיט בליק דערפאַרענעם גענאַרטן,
און זאַנגען ניט-דערגאַנגענע, פאַרדאַרטע.

איך זוך, איך וואַרט נאָך אויף אַ רעגן,
ווייל כ׳גלייב, אַז אַלטע זאָמען ערגעץ-ווו נאָך טליִען;
און פריש געבאַקן ברויט איז תמיד דאָך בכוח
די לענדן אָנגורן ביים שוואַכסטן גייער.

# געפונען זיך

ווּהין איז אומרו מײַנער ניט פֿאַרפֿלויגן?
אין װעלכע ניט געפֿאַלן איז ער תהומען?
מיט אַש־פֿליגל פֿון אָפּגעברענטע סטויגן
גענע־ונדעוועט אין נישטער צו די קרנות־המזבח;
וויל דו, מײַן גאָט, פֿאַרבאָרגן האָסט דײַן פּנים
פֿון שוואַכן מענטשעלע — און אָפּגעריבענע מטבע —
וואָס מיט זיך לעשנדיקע פֿונקען פֿון נשמה
זוכט ער אַ שאָטן פֿון אַ סטעזשקע צו דײַן עמוד...

ביז מיך, באַהאַנגענעם מיט פֿולע ייאוש־קוישן,
עס האָט אַ מלאכל — אַ מליץ יושר —
אַ קוש געטאָן אין סאַמע אומעט פֿון מײַן האַרץ
מיט ערשטגעבוירענע בטחון־קלאַנגען;
שטיי איך פֿאַר דיר,
און מײַנע גלות־שיך,
מיט פֿולע אני מאמין־זאַנגען
וויל מיר באַשערט האָסטו בײַם זומפּ פֿון צער
געפֿינען איך זאָל טאַקע זיך...

# אויסלייז

און ווען דעם בראַנד האָט אין אַ בייזער שעה פאַרשמעקט
דיין סוכה־דאַך, וואָס אויסגעמיטן האָבן שטערן,
און ביזן פונדאַמענט דיין נאַרע אָפּגעפּרעגט,
אַן זכר פון אַ גאַניק ווו צו זיצן שבעה
ביי אַן אויסגעלאָשענעם לאַמטערן —
האָסטו, מיט גרויען וואַנדערשטאָק פאַרזיווגט
און מיטן אָפּגעשפּאַרטן קלומיקל בטחון,
אַוועקגעהונקען מיט אַ האַרץ צעשטשערבעט
אַ שוועל צו זוכן פאַר דיין אויסגעפלאָטן אינדערוואַכן.

און זע —
עס האָט דער אַלטער שטעקן —
געניט פון מדבר אַן אין וואָגל,
מיט דער געדעכעניש און ריח
פון דערנער־וועגן,
וואָס האָבן שטיקער פלייש געפליקט פון ברידער גייער,
און ווו געגעכטיקט ניט געלאָזט זיי טאָגן —
זיך אויסגעשטרעקט צו דיר מיט רחמים,
ווען ס׳האָט דיין קאָפּ געפּלאַצט אין ים פון ספקות,
און צו אַ ברעג געבראַכט דיך,
ווו שטיינער, ווי צו כורעים אויסגעלייגטע,
פאַרגייען זיך, פאַרטייעט, אין גאַנץ הלל,
און זייער שטילער ניגון — אַן דעם קרעכץ פון גלות
און ניט פאַרסמט פון קיינס מויל.

און דו —
ווי שאול אין נביאישער התגלות,
אַראָפּגעריסן האָסטו פונעם לײַב ביז לעצטן פאָדעם
די כמאַרעס נעכטנס מיט די תהומען גרויל
און צוגעפּאַלן דאָרשטיק צו דער קוואַליקער הגדה...

קושסטו, אַ שיכורער, די אויסגעבענקטע ערד,
ווי ס׳האָט געקושט דײַן טאַטע מיט אמונה זײַנע ציצית,
און מודה־אני זאָגסטו אַלע טאָג וואָס דיר באַשערט
מקיים זײַן די מיצווה,
מיט ציטערדיקער אויסלייז־טרער,
פון מעבר־יבוק,
און נאָך בײַם לעבן
צו דערלעבן עולם־הבא...

# סתם אַזוי

דו האָסט מיר נעכטן וואָס געזאָגט,
ווי תמיד אַזוי פּשוט שיין,
מיט היימישקייט פון דער נשמה.
און, הערנדיק דײַן זאָג,
אין דממה,
כ׳געדענק —
אַז שטאָט אַ דיאַלאָג
געענטפערט האָט מײַן האַרץ אין שטעל דיר מיט אַ ליד,
געשריבענעם מיט בשמים.
פאַרגיי איך איצט אין אַ געזאַנג מיט גרויס פאַרטרוי,
און ווער ניט מיד, און ווער ניט מיד
צו דיר צו זינגען
סתם אַזוי...

## פּעמי־משיח

פֿאַר י. ח. בילעצקי

באַטש זײַן כ׳בין אַ קרקפּתא דלא מנח תפילין,
איז מײַן נשמה אײַנגעשפּאַנט אין רײַטוואָגן פֿון נביא אליהו,
און אין מײַן וואָגל אויף די פֿליגל פֿון אמונה,
צווישן סטאַנציעס גרילצנדיקע קראָען
איבער פּגרים און נבלות,
האָט אויסגעהיט זײַן פֿײַער מיך
פֿון טובלען זיך אין טומאה,
אַפֿילו ווען פֿאַרבליבן כ׳בין אין מיטן העלן טאָג
אויף אַ בית־עולם,
אָן אַ גאַרטל פֿאַר דער עלנטער נשמה,
וואָס רוט ניט אָן אַ גאָט צוקאָפּנס.

נאָר הײַנט,
ווען מיר באַשערט איז אָקערן מײַן אייגן פֿעלד,
קומט דער נביא מיר צו חלום,
נאַכט אויס, נאַכט אײַן,
און שמייכלט מיר אַרײַן בסוד אין אויער
דרײַ אותיות שטראַליקע, באַרעמלטע אין הימלבלוי,
דאָס ערשטע וואָרט פֿון שם המפֿורש —
נצח...
פֿלאַמט אויף די רגע העל אַזוי!
העלער, העלער פֿון דער זון אין בראשיתדיק געבוירן,
און איידער, אָן אַ אָטעם, איך באַווײַז
די ווײַטערדיקע ווערטער דרײַ —
„ישראל לא ישקר״ צו דערגלײַען
איך הער —
עס הילכן אָפּ פֿון נאָענט זינגענדיקע טריט,
די פּעמי־משיח.

# איך גלייב

כ׳פֿאַרוואַרף אַ בריק פֿון שמייכלען צו דײַן פּנים —
באַטש ס׳לעשט זיך באַלד פֿון ביידנס לײַבער אוים דער הונגער —
און וואַרט זאָלסט אויסשטרעקן אַ האַנט מײַן דממה
פֿון עלנט דײַנעם, ווו נאָך טליִען רויטע פֿונקען...

מײַן לעבן איז אַ ספֿר פֿול מיט גרײַזן,
און טוט אַ שײַן די זון ווערט אויפֿגעדעקט מײַן טרויער;
דאָך וואַרעמט נאָך אַ תּפֿילה מײַנע שפּרײַזן,
און שטערן — בלויע טרערן — זאָגן צו מיר דויער.

איז גרייט כ׳בין פֿון סמבטיון פֿון זכרונות,
וואָס פֿרעסט מיך אויף און רוט אַפֿילו ניט אום שבת,
צו באַרגן פֿרייד פֿאַר שותּפֿישע חלומות,
וואָס וועלן, גלייב איך, אונדז פֿאַרשאַנעווען להבא.

## אויף לאַנגע יאָר

איך מאַך ניט קיין חשבון ווען ס׳לעשן זיך שקיעות,
און וואָגל פון נעכט איך פאַרבײַס מיט באַגין,
די חובות געדאַכטע געדעקט האָב איך פריִער,
און מײַנע זכרונות פאַרגיס איך מיט טינט...

מײַן פידל איז אָנגעשטימט יום־טובדיק, חסידיש,
און ווײַן פון בטחון אין גינגאָלד־באָקאַל,
און ס׳האַרץ, וואָס ערשט נעכטן געווען אַזוי מיד איז,
זינגט הלל מיט האָפער געטובלט אין טל.

איך זע ווי מיר גייען דורך גאַסן געאָרעמט,
אָן נעכטנס, אָן פחד, — איין קיילעך פון פרייד,
און ס׳שמייכלען צו מענטשן צו אונדז — מעטעאָרן —
אויף לאַנגע נאָך יאָר גייט געזונטיקערהייט.

# אַ גרוס

ווען מען גייט אין לעבן אַ מחיצה צו פאַרציִען
צווישן ים פון תכלת
און דעם ערדיש האַרבן קיום?
ווער פאַרגינט דעם חלום ניט פון מײַן קבצנות?

אָן דעם עמוד וואָס זיך הימלט,
אָן מײַן תפילה וואָס קלאַפּט אָן אין בלויע שויבן —
וואָלט די בדידות, וואָס פאַרזיגלט
פון מײַן תהילים אויסגעבענקטע טרויבן,
לאַנג, שוין לאַנג אַ פּעטליע אויף מײַן האַלדז פאַרצויגן...

תמיד אָבער פון פאַרקאַלטנטער אַליינקייט
עפנט אויף אַ שטראַלעכל אַ פאָרטקע מיט אַ שמייכל,
און אַ ווײַסע טויב פון פערלדיקע הייכן,
מיט אַ גרינעם בלעטל אינעם שנאָבל
ברענגט אַ טראָפּן ווערעגע מײַן צוקאָפּנס.

ווייס איך —
ס'איז אַ גרוס פון דיר, מיין בורא,
ווען מען ס'וואָלט אַוודאי שווער געווען די קרוין
אָן דעם מילבעלע, וואָס אין דער נידער
פון דײַן הימל טרוימט.

## מײַן זכות

אַלע נאַכט אין דער דריטער אשמורה איך וואַך שוין
פאַרהאָרכט אינעם דופק פון בוים,
אין געשאַסק פון די בלעטער,
וואָס זײַנען זיך מכין צו שחרית
און קושן מיט פליושענע ליפן מײַן שויב;
נאָר ביז ס׳טוט די קרוין פון מײַן בוים
דערניוכען די טויִקע שליחים פון בלוי,
וואָס טראָגן בדממה צום הארץ פונעם חושך
אַ שטראַליקן שליסל;
און ביז אַלע פייגל עס וועלן
אין איינעם, צוזאַמען,
מיט פרייד און געפלאַטער,
פון גרינעם געצווײַג און געריטל,
פאַרגיין אין אַ מזמור, אין אַ מודה־אני,
מײַן טאַטנס,
מײַן זיידנס —
כי טוב! —
איך עפן פון אויסוויייניק טאָוולען,
פאַרשטויבטע און גראָ
און בלעטער
לשמה
די דפים די געלע פון אַלטע מדרשים,
צעשאָסענע ספרים,
און זאַפּ אײַן די ריחות פון בלוט און פון שרעק
פון תקופות — אין וואָגל געדאָרנט,
פון גרויליקע טעג
און פון טרייסט —
די טרייסט וואָס די שכינה האָט תמיד באַגלײַט
דעם חלום פון אייגענעם הימל און אייגענעם ברויט.

און ביז מײַנע אויגן פֿאַרטרערטע דערזעען די טריט
פֿון באַגין,
פֿאַרצי איך אין דעמער
טאָג־אײַן און טאָג־אויס
שטילערהייט
פֿון תהילים אַ ניגון —
אַ תּפֿילה לעני,
וואָס אים איז באַשערט אין זײַן ווינטער
אַ ברכה צו מאַכן
אויף פֿרות פֿון אייגענעם בוים
און ברויט פֿון אַן אייגענעם בייט
אונטער הימלען פֿון פֿרייד.

## מיין ליד

די אותיות פון ליד מײַנס פון װײַטע כ׳האָב אױס האָריזאָנטן,
פון פאַרמעטן־רעשטלעך פאַרקוילטע אין שײַטערס,
װאָס זײ האָט געהייליקט אַ יתומדיק ליכטל אין עמוד
מיט טרייסט װאָס זיך שאָטנט פון אורנעכטיקײַטן.

פון אַלטע צעבראָכענע לוחות די אותיות איך קלײַב אויף,
פון דעם בית־המדרש פאַרהאַרכט אין עילױישער דבקות,
פון תהילים פון יידן פון פראָסטן אין טרערן געלײַטערט,
װאָס טרויט אָן דעם בורא זײַן מאָרגן אָן ספקות.

עד היום כ׳באַהאַלט זיך אַהינטערן אויװן פון קלויזן,
פאַרנעם אין די בלוטן דעם אמר אביי דעם טאַטנס,
און דויער איך שעפּ דאָרט פון שטויביקן שפּינװעבס אַרויסעט,
װוּ אַלטע כתב־ידן איך װעג אויף דער װאָג פון קאַראַטן...

## זי

זי שוועבט פֿאַרבײַ,
און אירע פֿרילינגען —
אויף ראָזע אַקסלען ווײַסע פֿליגל;
די פּיס אין פֿײַערררייץ און זינלעכן פֿאַרשײַט,
ווי מיניען אַרום זיי זיך וואָלטן שפּיגלען;
דער שפּילעוודיקער בליק — אַ שמייכלענדיקער טויער,
איר חשבון — פֿרײַ פֿון שקיעות
אין צײַט אירער וואָס אייביקט בלוי...

און ס'זינגט איר גאַנג, ווי גיין וואָלט זי אויף נאָטן,
און בלומען-גלעקעלעך אין דימענטענעם טוי —
איר אויסגעכישופֿטער אָרקעסטער,
און גאָט אַליין איז דיריזשאָר
פֿון אירע זעכצן יאָר...

# ווייסע פייגל

אַ גאַנצן לעבן, שעהן און מינוטן,
מיט זכר פון חלומות,
וואָס זיי געשיקט אויף בלויע וואַסערן באַרוטע,
מיט לינדן ווינטעלע אויף ווײַסע זעגלשיפן,
מקבל פנים זײַן באַגינענס דופּטיקע בײַם ראַנד פון מזרח,
איך טראָג זיי אויף די פּלייצעס —
אַ שווערע קייט זכרונות פון אַ גלויבן אַ געקרייצטן;
אין די געהירן
איך צייל די ווונדן, וואָס די פּלאַטערדיקע ראָזע טויבן
זיך אומגעקערט האָבן אָן זמירות...
מיין טרוים,
וואָס צו פּלאַצן איז געווען אַ שליסל,
האָט זשאַווער אויפגעפרעסן,
מײַן ליד — אין לאָגלען טרערן אײַנגעטוליעט
און אין מײַן בליק האָט פראָסט זיך אײַגענעסטעט...

נאָר הײַנט —
ווען אָנגעטראָפן האָט מײַן גליוועך אויף אַ שײַטער,
האָב איך דערשפּירט אַ האָפן-זוימען הייבט אין האַרצן אָן געדײַען,
און אינעם פלאַקער לוסטיקן זיך לײַטערן
די אײַנגעזעסענע יסורים,
מײַן וואָר זיך קײַטלט מיט אַ שפּאָגל-נײַעם חלום,
מײַן חלום ווערט פון וואָר אַ רינג,
און אין מײַן בתולימדיקן הימל
צום אויסגעהאַרצטן תּפילה-סולם
אַ סטײַע ווײַסע פייגל מיט אַ ערשטלינג הימען
אַנטקעגן פליט דעם זוניקן באַגין,
וואָס מיניעט רעגנבויגיק מיט דער בשורה פון גאולה...

## ווייפרייד

מײַנע ד׳ אמות צאַם איך אָפּ פון וואָר צעכראַסטער
מיט ראָזע שויבן פון מײַן ליד,
וואָס האָט פאַרהאַרכטע אויערן געפונען
פאַר יעדן גליד
פון מײַנע שורות זינגענדיקע מאַסטן,
און ווערן קיין מאָל מיד
פולע עמערס ווײַן צו שעפּן פון מײַן ברונעם.

איז אײַנגעפאַלן די מחיצה פון מײַן בענקען
נאָך אַ שמייכל,
נאָך אַ לײַכטן חטא:
זיי ווינען שוין צוזאַמען אין מײַן היכל,
אין מײַן אויסגעחלומטן פּלאַנעט,
וווּ אויפגעפּראַלט ס׳איז טיר און טויער
מיט אַ ברוך הבא אויף די הימלטרעפּ
פאַר שוועלבעלעך, וואָס נעסטעלעך זיי בויען
פון טוי־בריליאַנטעלעך, אין אַ באַגין
אַ בלויען.

און איך אַליין —
אין אַ ווינקעלע איך לאַך און וויין,
וואָס ווייפרייד סוף־כל־סוף צעלאָזט האָט
די קריִעס פון מײַן ווינטער,
און מײַן דופק גרינט אַ פרילינג־אָנגעשטימטער,
מיט ברכי נפשי קנאָספּן...

# באַגינען

װען װינטער אײַנגעקאַרטשעט האָט די װעגן,
און פראָסט די ביימער־קרוינען אָפּגעפּליקט,
ביז ניט פאַרבליבן איז קיין בלעטעלע קיין גרינס,
װאָס װאַרעמט אויס אַ זומער־חלום —
האָט אין מײַן שויב
אַ טײַבעלע אַ קליינס,
אַן עולה רגל
מיט פליגעלעך װי שניי,
אַ סאַמעטנעם קלאַפּ געטאָן,
װי ס'פאַלן פון אַ טראָפּן טוי —
אַ גרוס אין שנעבעלע געבראַכט פון פרייע הימלען;
האָט אויסגעװישט מײַן עלנט זײַנע אויגן
און די פאַרחלשטע שוין בלומען אין מײַן װאַזע,
מיט קעפּעלעך אַבלותדיק פאַרבויגן,
צעעפנט האָבן ליפּעלעך־רובינען,
מײַן נאָז צערייצט מיט עולם־הזה
און מיטן ריח פונעם מיידל,
װאָס האָט אַמאָל באַרויבט דעם שלאָף פון מײַנע נעכט...

און כ'האָב געהערט —
די ביימער־שפּיצן און די װאָרצלען צװישן מאַכן,
אין טאָג־און־נאַכט־געפלעכט,
אין אָנגעשפּאַנטער דממה,
געפליסטערט האָבן אמן
נאָך דער ציטער־ברכה,
װאָס מײַן מויל האָט אויסגעגליט,
װען, מיט טאַפּנדיקע פינגער,
אַ קוים באַראָזט באַגינען
געעפנט האָט אַ טיר
צו שפּאָגל־נײַעם ליד, װאָס נעמט זיך גרינען...

# איך מיין

איך צי זיך מיט נעגל — אַ בלעטל, אַ שריד ופליט —
און דראַפּע אַרויף און אַרויף זיך,
און קלעטער אויף אַלע עטאַזשן פון אומעט,
וואָס האָבן מיַין טאָג אויסגעמאָרעט,
מיַין נאַכט פאַרמהומהט,
און לאָז זיי פון הינטן אין שטויסן,
און קוק זיך ניט אום אויף צוריק,
און מיין —
צום סולם פון שלווה דערגיין,
ווו אויסשיילן וועט זיך מיט אותות און מופתים
אַ העל-גרינער קנאָספּ פון אַ ליד,
אַ בת-קול פון תחית-המתים...

# ברכי נפשי

משה וואלדמאנען

...און ווילסטו ווען דײַן שורש מיטן לאַנד דעראַנען,
טאָ גיי אַרויס אַ מאָל פון דײַנע דלת אמות,
ווען פעלד און בוים פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף,
און האָרך זיך צו צום לשון פון דער דממה,
וואָס טרעט אויף שפּיצן־פינגער צווישן באַרג און טאָל
און ברענגט צום ים און אַלע צוועלף מזלות
דעם זכר פון די בראשיתדיקע ווידערקולן.

און פּראַל אויף אַלע טירן פון דײַן איבערפולטן האַרץ —
דערגיין צו דיר די תפילה זאָל,
וואָס נידערט פון די הימל־טיפן דאָ אַראָפּ
אויף בלויע פליגל פון מלאכים,
וואָס זינגען אוים אַ שטראַליקן אַז ישיר —
צום נס,
צום נײַעם נס,
וואָס דיך געבראַכט האָט פונעם גיא־צלמוות
צום מיקלט פון די אבות.

און וואַרט, וואַרט ביז —
אַ בליצל־פונק אַ בלאַסער
פון דער פאַרהוילעניש
אַרײַנשלײַכן וועט פון אַ צאַפּלדיק געבורט די בשורה,
וואָס אין דער נאַכט זיך ברעכט און פורעמט...

ווּעסטו מיט אָפּן מויל און אָנגעשלײַפּטער הויט
דערפּילן דעם קוים-קוים-באַריר פון קילבלעך ראָזע שטראַלן —
עניוותדיקע שליחים פון באַגין —
און אַ התפּעלות וועט דיך דורך-און-דורך פאַרפּלייצן,
און אַלע טרוימען, וואָס פאַרשטויבט, פאַרחלשטע עס דאַרן,
אַ ווינטלדיקער קוש
וועט אָנגיסן מיט פרישן בלוט פון גאַרן.

און אַ געווין וואָס איז מטהר,
געוויין פון ליבשאַפט און מחילה,
וואָס שווענקט דעם דייוועך אויס פון מידבר-זאַמדן,
פון קעל פאַרלייגטן וועט אַ שפּאַר טאָן
מיט ברכי-נפשי פון דײַן אייגן תהילים.

און פאַלן וועסטו אויף די קני
און שטאַמלען... שטאַמלען...
איך דאַנק דיר, גאָט, וואָס מיר באַשערט האָסט אין מײַן חולין
צו זײַן אַן עדות פון דײַן גדולה.

## ווידעראנאנד

**טובהן**

ווי פאַרשטיין זאָל איך קענען דיך, האַרציקע שוועסטער,
מײַלן־ווײַט ווען איך בין זיך אַליין צו באַנעמען;
אַז כסדר איך פלײַס זיך, שטום, בריקן פאַרוואָרפן
אויפן תהום צווישן הײַנט און צערונענע נעכטנס.

שטום — ווייל ווערטער אַליין גייען אויס נאָך אַ תיקון:
ניט דערזאָגט, ניט דערזונגען צום תוך, צו דעם עיקר,
נאָר כ׳געדענק — זיי באַהאַלטן חלומות אין בליִען,
און מײַן וואָך וואָס אָן בראַנפן פאַרגאַנגען אין שיכרות.

אָבער איצט, נאָכן מבול פון פײַער, דער באָדן,
צווישן לאַוועס, באַצירט זיך מיט בלומיקע פאַרבן,
נאָר אין שמחה פון זײַן איז פאַרביסן אַ טרויער,
און אין ויהי אור — אָפּגעקאָסיעטע גאַרבן...

בשום אופן איך קען ניט, העני ממעש,
צו אַ רויטינקן קערנדל פרייד זיך דאַבוווען,
אים פאַרמאַניען צו יאָזשיקער, גרויער אַליינקייט,
מיט אים אויסקאַראַניען פון פרוש דעם אומעט.

זוך איך אָפּט אין די בלעטער פון הימלען אַ תשובה,
כאָטש כ׳קוועל אָן — ס׳איז די ערד אויסגעבלומט רעגנבויגיק,
נאָר איך כאַפּ אויף כסדר קאַפּיטלעך פון עבר,
און מיט בלוט טרערט נשמה־ליכט מיר פון די אויגן...

אָבער ס׳טרעפט, אַז די שטערן פון טוי פלעכטן אויסעט
פולע עמערס בטחון, אתחלתא דגאולה,
מיט אַ גאַרטל פון תכלת כ׳פאַרבינד מײַנע ווונדן
און איך טאַנץ מיט אַ קיטקע פאַר חופות פון בתולות.

# אויך היינט

טאָג־איַין, טאָג־אויס
פאַרשיכורט,
געזוכט האָב איך די שפּורן פון מיַין חלום,
וואָס שטאַפּלט אויפן סולם פונעם אמת,
נאָר עקדעשן געלויערט האָבן אין מיַין ניגון
און ביַי דער לייטער שלענג האָבן געטוישט די שאָלן...

נאָר ווען כ׳האָב אָנגעטאַפּט כמעט די שוועל פון חלום,
דערשראָקן ס׳האַרץ האָט די קאָסמעטיק פונעם אמת,
וואָס וויקלט זיך נאָך אין ווינדעלעך אַ נאַסער
אין שכנות פון צעפלאַמטן גיהנום.

דערפאַר —
ביַים שיַיטער אויסגעלאָשענעם פון האָפן און יסורים,
פאַרפאַנצערט מיט נסיון, אויסגעטשוכעט,
און טרערן ביַיסן די פאַרצויגענע קוים וווּנדן
מיט אַ שרפה־ריח,
פאַרגלוסט זיך מיר נאָך, ווי אַ בשורה,
צו די אַמאָל, אַמאָל געדאַכטע בלויע לוחות
פאַרציִען אַ קאַפּיטל למנצח...

# אַ רגע פון חסד

די וויַיזערס, פֿאַרקריצן עד־היום אין ליַיב אַלע ווונדן
פון שטרויכל,
און דאַטעס — איין שטאָק אינעם צווייטן, אין צענטן —
פֿאַרפּלאָנטערט אין מוח;
מיַין ווי — אָפּגעשונדן, אין שטומקיַיט פֿאַראיובט,
אין וואָלקנס עס קנוילן זיך תּליות...

נאָר ס׳טרעפט, אין אַ רגע פון רחמים,
די וויַיזערס זיך טוען אַ שוּפ אויף צוריק,
און זע: מיַינע פֿליגל, אין שטויב פון פֿאַרזשאַווערטע יאָרן,
זיי טובלען זיך אָפּ אויף דאָס ניַי אינעם קינדישן חלום;
די אויגן, אין טרער פון אַנטציקונג,
אַנטקעגן דער פֿאַרביקער דממה,
וואָס טרעט אויף די טשיפּקעס אין שקיעה
און האָרכט אוים פון שוויַיגן דעם הימען,
אַזוי ווי עס האָרכט אין אַ ראָזן באַגינען
אַן אָזערע איַין זיך צום ניגון וואָס וועקט זיך אין וויַיטן,
און גלעט זי, און קושט איר דעם פּנים אין סודות פֿאַרטיַיעט...
און איך — מיט האַלב־אָפֿענעם מויל,
אָן אַ פּינטל צו טאָן מיטן אויג,
פֿאַרגאַפֿט בין אין רונדיקן בויגן,
אין גראַנעטן הימל,
רבונו דעלמא!
וואָס אָנגעשפּאַנט איז, ווי נאָך דופּטיקן רעגן,
מיט אַלע קאָלירן און תּולדות פון שלווה;
פֿאַרקלעמט ווערט דאָס האַרץ פון אַ תּהומיקן בענקען,
אַן אומרו באַנעמט די נשמה
אין פּלאַטער פון בראשית־מיסטעריע,
פון דעם אור הגנוז,

און איך וועל מיט אַלע רמ"ח און התפּעלות פון בלוטן
צום נצח אַ שותּף
מיט גלײַיקע טרערעלעך־שטערנדלעך צוויי.

הײַנט וויים איך,
הײַנט בין איך באַהאַוונט:
אַזאַ איז אַוודאי דאָס פּנים געוועזן פון דער שירה,
וואָס ביימער געזונגען פאַרכישופטע האָבן,
ווען ס'האָט דער בעל־שם־טוב געדאַוונט...

# מיין פאָלק

אויף אַלע סטרונעס שפּיל דעם ניגון
עם ישראל חי!
דעם ניגון, וואָס האָט דיך אין דויער אײַנגעוויקלט,
באַרוישט אויף שמחות בײַ אַ טראָפּן ווײַן,
און דײַן אבלות מיטן יום שכולו טוב
באַמוטיקט.

הײַנט זינגען מיר פון נאָנט און ווײַטסטע ווײַטן,
און זעען נאָך פון סיני קלאָר די לעבעדיקע קולות,
וואָס גאָרער וועלט דערמאָנען די פּאַרצײַטנס —
די גבורה פון מעטים קעגן רבים,
די אָפּגעציטערטע צוואה מתיתיהוס לדור דורות.

הײַנט פירסטו דורך מדבריות די טראָפּיען,
וואָס דײַנע בילער האָבן אָנגעהויפט מיט דעם באַגערן
צו אָפּמעקן מיט זיי דעם זכר פון די מאַקאַבייער —
דײַן האַדאָווליעס לויכטנדיקע שטערן,
וואָס זייער נאָמען, בלויז דער נאָמען,
דאָס האַרץ אין אַנגסט צעטײַעט
בײַ אָנגערייצטע שונאים,
וואָס חלומען, דערשלאָגענע, עד היום,
מיט אונדזער בלוט באַמיסטיקן די זאַמדן.
איז שפּיל, שפּיל אויף אַלע אָנגעשפּאַנטע סטרונעס!
נאָר הער זיך צו מיט טויזנט אָנגעשלייפטע חושים
צום תהומיק שווײַגן פון די זין —
וואָס קריעה רײַסן אונדז אין האַרץ מיט אַזאַ אומעט —

ווײַל זיי איז ניט באַשערט געווען דער זכות
פאַרפלעכטן זיך אין קאַראַהאָד פון קדושה,
און וואָס מיט זייער קוים-קוים רײַפער ברוסט
אויפן מזבח פון מצריימס אײַנגעקאַרבטע יאָכן
געבראַכט אונדז האָבן דעם פאַרבלוטיקטן נצחון.

## אַזאַ איז שוין דײַן גורל

אַזאַ איז שוין דײַן גורל, שטאָם מײַנער געזאָלבטער,
אַ וועלט זאָל וואַרעמען די הענט בײַם פלאַם פון אונדזער דאַך,
און זשמורען נחתפול די אויגן,
ווייל זי פאַרגעסט אונדז ניט דעם חטא
פון אויסשפּײַען דעם הויקער,
וואָס אונדזער טומאה זייער גאָט איז.

ס׳האָט קיינער ניט געקלאַפּט טרעוואָגע אין די גלאָקן,
ס׳איז קיינער ניט געלאָפן לעשן ס׳פייער מיט אַ טרער,
נאָר נאָך דער שרפה פונעם פונדאַמענט —
פאַרגלאָצנדיק די אויגן אויס רחמנות —
האָט אָפּגעצלמט זיך דאָס פּאָטערל אין שפּיצן־העמד:
„אַ לויב זײַן ליבן נאָמען,
וואָס ס׳איז די מיצווה פון דער קללה
באַשערט געוועזן פרעמדע הענט״...

הײַנט, באַרכאַשעם, אַ סוף צו בערישער רחמנות,
הײַנט זיכערט אונדזער גורל אין די קיזל־אָרעמס
פון שווערד־און־ספר־יורשים,
וואָס פלאַסטערן מיט בלוט און נס,
אין שווײַגן,
די דרכים פון ניצחון יעטוועדן מעת־לעת.
נאָר זע:
נאָך דער עקדה אויף ירושלימס שטײַגן
געוואָרן זײַנען ווידער די פאַרפרומטע זיפצער,
בײַ ווײַרעכדיקן דעמער פון מזבחות —
מיט ברכה פון געטויפטן שמייכל —

קטיגורס פאַר די אָפּגעראַטעוועטע שמות,
און פאַר דײַן חלום וואָס פאַרהימלט איז אין סיני,
אין יענע בלויע ווײַטן,
ווו זיך פאַשעט וואָלף און שעפּס אין איינעם...

## הרי את...

איך גאַלאָפּיר מיט שמייכל־פּײַלן דײַנע —
אין סאַמע האַרץ געטראָפן,
און בגילופין פון דײַן דין־פאַרדינגטן אַראָמאַט,
וואָס האָט מײַן אָטעם אָנגעתענוגט
מיט צאַפּלדיקן האָפן,
און בראַנדיק מויל מײַן קײַקלט קורצע קלאַנגען צוויי נאָר —
הרי את...

און אָט אַזוי
ביסטו די מאָס די איינציקע געוואָרן,
מיט איר איך מעסט דעם וויי און די זאַוויייען,
די טראָפּנס פרייד און עמערס גרוי
פון די ניט־אויסגעלעבטע יאָרן,
פון מײַן צוריק...

איז ציטער איך פאַר יעדער רגע,
וואָס זעגלט מיר אַנטקעגן,
זי זאָל ניט גיין פאַרלאָרן
אָן דײַן בענטשנדיקן בליק.

## אונדזער קיום

כ׳האָב קיין טענות ניט צו דיר פאַר ליגן תפילין,
דו, וואָס ווייסט דעם טייטש ניט פון דער ברכה וואָס מען
מאַכט דערביי —
ניסימפּול געזען האָסטו דיין בלייבן לעבן לכתחילה
נאָכן מבול וואָס געבושעוועט מיט פייערבליי.

ניט קיין תפילות-גאַרטל האָט געשיצט די יאָטן,
ניט קאַפּיטלעך תהילים האָבן אויסגעשמידט זייער געווער,
כאָטש געבראַכט אַהער זיי האָט דער חלום פון די טאַטעס
מיטן שמע ישראל אויסגעוויקט אין ציונס טרער.

לעצטע שעפּעלעך, אַנטרונענע פון דער עקדה,
איינגעגעסן האָבן זיי מיט זעל זיך אין דער אַלטער היים,
און מיליאָנען קדושים זיינען זייער עדות,
אַז זיי האָבן ניט געהאַט קיין ברירה ווו אַהין צו גיין.

דאָס איז די אמונה וואָס באַגלייט דעם גאַנג לעם תהומען,
דאָ פאַרוואָרצלט אונדזער קיום איז פון אוראַלטן אַמאָל,
אים פאַרהיט אין וואָגל — פאַר אריכת-ימים —
מיט מסירת-נפש האָט פון קדמון אָן מיין פאָלק.

# מיט וואָס?

מיט וואָס זײַן זכרון זאָל טרייסטן אַ טרוימער,
וואָס יאָרן פֿאַראַקערט אין פֿרעמד זײַנע קערנער,
מיט בלוט און מיט שווייס אָנגעמיסטיקט די בייטן,
אויף ברויט אויסגעקוקט, נאָר באַוּוערט האָבן דערנער;

מיט וואָס זאָל פֿאַרטײַטשן די נעכטנס אַ מאמין,
אַז לעם יעדן שטיין וואַקסט אַ סולם צוקאָפּנס,
און האָט ניט געאַנט, אַז פֿון צדק די לעכער
אַ געץ האָט מיט דרשות און תּליות פֿאַרשטשאָבעט.

און ווי צו פֿאַרשטומטע אַמאָלן דערלאַנגען,
ווען ווײַטער דער וועג איז צו זיך ווי צום הימל,
כאָטש ס'תּחנונט זײַן תּפֿילה מיט טרערן בעל-תּשובהס
אין גלות פֿון נעכט און אין רויטע באַגינענס.

איז גוט וואָס דער פֿאָדעם פֿון טאַטן, זיין זכר,
געוויקלט מיט אים האָט זיך דורך לאַבירינטן
און פֿירט אים צוריק-צו מיט אַ מוסר-השכל:
פֿון זוכן דעם הימל — אַ ל יי ן  ז י ך  געפֿינט מען...

# טרערן

די קאָרטן, מײַן פֿרײַנד, לײג אַוועק אין אַ זײַט —
זײ מעקן קײן פֿינצטערע שורה ניט אױס פֿון דײַן טרערן־מגילה;
דײַן אױער לײג צו צו דעם שױם פֿון דער צײַט,
דער טײַערסטער אוצר װאָס האָלטסט אין פֿאַרשפּילן.

װער װײס װיפֿל מאָל דיר באַשערט איז
מיט אױג דײַנעם אױסקושן זוניקן תּכלית —
דעם תּכלית װאָס זיפּט זיך פֿון הימלען בשפע,
אַ רגע אין ניװועץ איז גזלה.

און פֿאַלט צו די נאַכט —
צוזאַם מיט די שטערן אין ים פֿון דער דממה
פֿאַרגײן זאָל צעצונטערט דײַן תּפֿילה בלחש
צום רזי דרזין װאָס האָט ניט קײן נאָמען.

אין שטורעם פֿון װײ, ביז פֿאַרטײַונג פֿון האַרץ,
אין שמחה פֿון בטול־היש אײַנגעטליתטט
און טרערן װאָס זײַנען פֿון אַלע חטאים מטהר —
װאָס דיר איז געשאָנקען אַ רגע התגלות...

# אַ נײַ קאַפּיטל

גערעקט די לעצטע חובות
מיט לעצטע פעדעם פון זײַן לײַב,
קומט ער, אין אמונה אָפּגעטובלט,
אין ישׂראלס נצח אײַנגעקײטלט,
מיט ליד פון ווינטעלע אויף בלויען ליין,
אָנצוהייבן אויף דאָס נײַ
אין נײַער הײם אַ נײַ קאַפּיטל,
ווו פון פויגלמילך דער טעם
פאַרגאַרטלט שוין זיין גאַנג.
און כאָטש דעם קאָפּ האָט שנײי פאַרשאָטן,
ער פילט — אים וואַקסט אַ באָרד אַ שוואַרצע
און דעקט צו אַלע ווילדע פלאַנצן,
די עלנט-טריט וואָס האָבן, ווי אַ בראַנד,
שראָם נאָך שראָם,
זײַן פּנים דורכגעבראָטן...

# מיט דיר אין איינעם

אַזוי פיל פרײַנד אַוועק מיט זייער לעצטן שפּור.
אַ הײַפל שיכחה, פּאה, זײַנען מיר פאַרבליבן
פון וועסנעס, וואָס אין הלל האָט געוואָרצלט זייער חלום;
איז מײַן בקשה איינציקע — דאָס הייפל זאָל אונדז,
מיר מיט דיר אין איינעם!
נאָך לאַנגע יאָרן קאַרמען, אונדז פאַרבליבענע יתומים,
און העלפן וועבן שטיל, ניימאָליק
דעם חלום פון געבורט...

# ערשטע טריט

1

באַלד האַלבע נאַכט.
צופרידן וואָס ער דאַרף ניט רויטלען זיך פאַר פרעמדע בליקן,
דאָס ערשטע מאָל ער פירט אַ מיידל „אונטער־האַנט״
אין שטילקייט פון פאַרטראַכטע מויערן פון כרך,
באַנאַנד...

ער גייט און איז פאַרהאַרכט אין דער מתיקות
פון יום־טובדיקן ניגון,
וואָס אין אַ יאַמב אַ מונטערן אין טיפן ווערט געשטאַלטיקט,
פאַררינגלט אין די זעכצן וועסנעס אירע,
צעבלימלטע, צעשטראַלטע,
אַרויסגעכישופטע פון שיר־השירים
בנשיקה.

און זי —
אין דין־פאַרדינטן גלי
דערשפירט מיט גאָר איר לייב פאַרשפּיצטן
דעם זיסן ציטער וואָס פאַרנאָדלט איר דעם רוקן,
דעם טשאַד פון בלוט אין זודיקן געפּליסטער,
ווי אויסגיין וואָלט זי נאָך די נעגל פון פאַרצוקער...

אַ סוד אָן אויסגעחלומטער פון הימלבלוי באַרעגנט,
אַ סוד פאַרטייעטער אין אייפער אויסגעהייליקט,
נעמט שעמעוודיק, מיט האַלבן מויל, זיך אויסשיילן, אַנטפּלעקן
פון הערצער צוויי צונויפגעשפּילטע איינים.

2

עס קוקט אַראָפּ פון אויבן די לבנה מיט אַ שמייכל
אויף זיינע ברייטע פּלייצעס און געבונדענע צוויי הענט,
פאַרפּעגטעטע אין שולחן־ערוך און תרי״ג,
אויף ליפּעלעך — נאָר־וואָס צעעפנטע אין בתולימדיקן היכל —
ווו ס׳צאַפּלט זיך, בסודות פון אַן אויג אַ פרעמד,
אַהינטער זיבן הויטן, אַ פאַרלאַנג —
מיט אַלע ציין זיך איינצוביסן אין דער פרי,
אויף איר האָט אויסגערופן גאָט אַמאָל אַ חרם . . .

# כ׳ווייס ניט

צי איז געווען כדאי
אַ לעבן גראַבלען זיך אין זשוויר,
געראַנגל צאָלן מיט פּאַרליר,
חלומות — צווימן אויף מײַן טיר,
און ווייסט —
מען בליט ניט אויף דאָס נײַ,
אָן ערי מקלט דער געפריר,
ווען וואַקל שטאַמלט אין דײַן האַנט.

איך ווייס ניט צי ס׳איז מיר געווען כדאי
אין שקיעה גאָר געפינען אַ בריליאַנט.
נאָר כ׳ווייס —
עס ליאַרמען היינט אין מיר
די אָדערן מיט שאַרפן ווײַן,
און ווי משונהדיק עס זאָל ניט זײַן
איך הענג אָן אויף מײַן שטוב
אַ נײַע טיר...

# אינהאַלט


## תפילות

* . . . . . . . 6
יידיש וואָרט . . . . . 7
אָפּט . . . . . . . 8
אפשר . . . . . . 9
מיט פרייד און מיט ציטער . 10
* . . . . . . . 12
אויסטראָגן . . . . . 13
תמיד אַזוי . . . . . . 14
אַ תפילה . . . . . . . 15
וויג פון טרויער . . . . . 17
אין פלאָנטער פון מחשבות . 18
דער בוים פון אמת . . . 20
כרת . . . . . . . 22
פחד . . . . . . . 24
וווהין ? . . . . . . . 25
אָן פשרות . . . . . . 26
אַ צווילינג . . . . . . 28
זכות אבות . . . . . . 29
צוויי שווייגנס . . . . . 31
בענקשאָפט . . . . . . 32
היט מיך אויס . . . . . 34
ניט תמיד . . . . . . 35
און אפשר . . . . . . 36
כ׳טראָג זיי אַנטקעגן מיין האַרץ 38

## תיקון חצות

גורל . . . . . . . 40
בלית ברירה . . . . . 41
חטאתי . . . . . . 42
* . . . . . . 44
אַ זוכער . . . . . . 46
יום כיפור תשל״ה . . . . 47
מילבן . . . . . . . 48
* . . . . . . . 49
ביי דיין טויער . . . . . 50
* . . . . . . . 51
ווי איך . . . . . . . 53
* . . . . . . . 54
מיט וואָס . . . . . . 55
ווו איז דער סניגור ? . . . 56
דיין טרייער עבד . . . . 58
מחשבות . . . . . . . 59
שנאת חינם . . . . . . 60
אַ גרוש . . . . . . . 62
פאַרזעסן . . . . . . . 63
ווּיפל ? . . . . . . . 65
בעל־תשובה . . . . . . 66
ניט צו פאַרשטיין . . . . 67
די אומבאַקאַנטע . . . . 68
ביים דריטן . . . . . . 70
גלות . . . . . . . . 72

## בדידות

דערוואַרטונג . . . . . 74
ווו דער שוואַרצאַפּל ? . . . 75
חצות . . . . . . . 77
אַ נשמה־ליכט . . . . . 78
באַזונדער . . . . . . 82
פאַרשלאָסענע שופלאָדן . . . 83
ספקות . . . . . . . 85
עד היום . . . . . . . 86
בדידות . . . . . . . 87
איך ווייס . . . . . . . 88
ניט מוסר . . . . . . . 89
ויהי . . . . . . . . 91
כ׳געדענק ניט . . . . . 92
קנאה . . . . . . . 93
רמב״ם . . . . . . . 94
דו שלאָפסט . . . . . . 95

עצבות . . . . . . . 96
אַנומלט . . . . . . 97
ביים שיידוועג . . . . . 98
געפּאַלן אַ שטערן . . . . 99
ווי אַמאָל . . . . . . 100
סם . . . . . . . . 101
זכרון . . . . . . . . 102
סוף . . . . . . . . 103
העגט . . . . . . . 104
אויב . . . . . . . . 105
טרייסט . . . . . . . 106
אַ רעטעניש . . . . . . 107
להד"ם . . . . . . . 108

## ווייפרייד

* . . . . . . . 110
ירושלים של מעלה . . . . 111
האָפענונג . . . . . . 113
ביי זיך . . . . . . . 114
ניצחון . . . . . . . 115
תורה . . . . . . . . 116
צוזאַמען . . . . . . . 117
מיט שמחה . . . . . . 118
מיט פּסוקים פון דיין „נדר" . 119
ניסים . . . . . . . 120
צו דיינע טויערן — ירושלים . 121
איך וואַרט נאָך . . . . . 123
געפונען זיך . . . . . . . 124
אויסלייז . . . . . . . 125
סתם אַזוי . . . . . . . 127
פעמי משיח . . . . . . . 128
איך גלייב . . . . . . . 129
אויף לאַנגע יאָר . . . . . 130
אַ גרוס . . . . . . . 131
מיין זכות . . . . . . . 132
מיין ליד . . . . . . . 134
זי . . . . . . . . 135
ווייסע פייגל . . . . . . 136
ווייפרייד . . . . . . . 137
באַגינען . . . . . . . 138
איך מיין . . . . . . . 139
ברכי נפשי . . . . . . 140
ווידעראַנאַנד . . . . . . 142
אויף היינט . . . . . . 143
אַ רגע פון חסד . . . . . 144
מיין פאָלק . . . . . . 146
אַזאַ איז שוין דיין גורל . . 148
הרי את . . . . . . . . 150
אונדזער קיום . . . . . . 151
מיט וואָס ? . . . . . . . 152
טרערן . . . . . . . . 153
אַ ניי קאַפּיטל . . . . . 154
מיט דיר אין איינעם . . . . 155
ערשטע טריט . . . . . . 156
כ'ווייס ניט . . . . . . . 158